בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתוכל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
פ"ב

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

נוסח 'ארשת שפתינו'
נוסח 'כי אתה אלקים 'אמת'!'
קטעים מסדר זכרונות
קטעים מסדר שופרות
נוסח 'מכלכל חיים'
נוסח 'וכל מאמינים'
זמן תפילת נעילה
נוסח 'שובו שובו מדרכיכם הרעים'
ניגון 'יעלה תחנוננו'
הערט צו רבותי, מיר ווילן בענטשן!
נוסח 'לבוחן לבבות'
להתרחק מדאקטורים
ניגון 'בת עמי לא תחשה'
'חזר'ן זאלסטו ביים רבי'ן אויפן ציון!'
וקבל תפילתי כתפילת זקן ורגיל...
דו ביסט נאר א שטעקן!
איך גלויב אזוי ווי איך זעה!
מיט אים אין איינעם צו זיין...
דער פרומער ניגון
אמן של 'המלך הקדוש'
יום כיפור טאנצט מען נישט!
ניגון 'זכרנו לחיים'
ניגון 'אשרינו מה טוב חלקנו'

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
ב'קו 'מערכת ברסלב'
ארה"ק: 02.560.7387
ארה"ב: 646.585.2985
ענגלאנד: 0330.390.0487
בעלגיע: 03.808.1775
לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
#2.1.2.1.1 ואח"כ #82

מכון טעם זקנים
שיחותיו של רבי לוי יצחק בנדר זצ"ל

הערות והארות מתקבלות
בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
(ארה"ק: 072-257-3456)

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה
(MP3) של השיעור, יש לפנות
דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

ניתן לקבל את הקונטרסים דרך
הדואר (בכל שבועיים) במחיר
חודשי של 15$ עבור הוצאות
עריכת הקונטרסים
**נא לפנות אל מס'**
**347-232-7166` (+1)**

בס"ד

# ערב ראש חודש אלול (ח"ב), תשל"ה

(המשך שיחת חברים בדרך למירון - חלק ב')

(טייפ מס' 94#)

## נוסח 'ארשת שפתינו'

(ר' נחמן בורשטיין שואל את רלוי"צ אודות כמה נוסחאות וניגונים המקובלים בין אנ"ש)

(רנ"ב: עס גייט ווערטער אויף דעם?) [00:1:42]

'ישמח צדיק כי חזה נקם'![א]

(ר' משה בינענשטאק: נאר איין פסוק; אדער דער גאנצער קאפיטל?) **אויף די ווערטער געדענק איך.**

❖

(רנ"ב גייט איבער מיט ר' לוי יצחק'ן ווי אזוי מען פאסט איין דעם ניגון פון 'מעין עולם הבא' אויף די ווערטער; און ווי אזוי מען פאסט עס איין אויף 'ארשת שפתינו') [00:2:50]

(רנ"ב: 'כל המתענגים בה' – נאר ביים פערטן מאל הויבט מען אויף דעם טאן?) **יא יא!**

'מחבלי משיח, יוצלו לרווחה' [מנגן בצורה שונה מאשר מנגנים בדרך כלל בברסלב] [00:5:40]

**דאס אנדערע מאל הויבט מען אויף** (יוצלו לרווחה).

**'ונס יגון ואנחה' - איז געענדיגט** (דעם ניגון).

(רמ"ב: און 'להתענג'?) **דאס איז שוין א שפיל פון ר' בן ציון אפטער; דאס איז דער ניגון** (בלי להתענג!)

**איך האב אמאל געהערט זינגען בן ציון אפטער דעם ניגון,** (ושאלתיו:) **פארוואס מאכסטו א נייעם ניגון? אזוי ווי מען זינגט 'ארשת' - אזוי דארף מען זינגען מעין עולם הבא!**

---

[א] תהלים נח, יא

איך וועל דיר ווייזן; איך זאג 'ארשת' - און דו זינג די ווערטער (פון מעין עולם הבא

(שומעים איך שהם מסדרים את הניגון) [00:7:15]

דו זינגסט צוויי מאל 'ארשת'? (רנ"ב: ניין!)

אז עס פאלט אוים שבת - ראש השנה - אז 'ארשת' וועט מען נישט זאגן (נאר 'היום הרת עולם') - זאגט מען ביי 'זכרונות' דער ניגון פון 'היום הרת עולם' (בניגון 'דרור יקרא'); און נאך דעם (בניגון 'מעין עולם הבא' אצל) 'היום הרת עולם', ביי 'שופרות'.

דעם 'ארשת' (הניגון שלו) לאזט מען נישט אוים אפילו שבת!

אזוי זאלסטו וויסן; אז עס געפאלט שבת - ראש השנה, זינגט מען ביי 'זכרונות' - 'היום הרת עולם'; און ביי 'שופרות' - 'היום הרת עולם' (בניגון 'מעין עולם הבא').

(שומעים איך שהוא מתאים הניגון של 'מעין עולם הבא' למילות 'היום הרת עולם') [00:8:20]

❖

(חוזרים לשוחח על שנה שחל ראש השנה ביום חול)

(רנ"ב: איר זינגט אלע דריי מאל 'היום הרת'?) ניין, נאר ביי 'שופרות' - מער נישט!

(רנ"ב: פארוואס?) ווייל אזוי האט מען געזונגען אין אומאן - נאר ביי 'שופרות'!

❖

און די תנועה ווייטער (אויף) 'אלוקינו ואלוקי אבותינו' - (זינגט מען) שחרית אינגאנצן נישט; נאר ביי מוסף, ביי 'שופרות' - ביי 'תקע בשופר גדול'.

(רנ"ב: און 'אלוקינו ואלוקי אבותינו' ביי 'היה עם פיפיות' זינגט מען אויך מיט די תנועה?) מען 'זאגט' 'אלוקינו ואלוקי אבותינו'. [00:10:15]

איך זאג נאר (התנועה הידועה של 'אלוקינו ואלוקי אבותינו') ביי 'שופרות', ביי 'תקע בשופר גדול' - מער נישט! און יום כיפור אינגאנצן נישט.

דאס איז א תנועה פון ר' לייבעלע'ן (קאנסטאנטינער) דער 'אלוקינו ואלוקי'.

ר' לייבעלע האט עס געזאגט נאר ביי מוסף - ביי 'תקע בשופר גדול' - מער נישט; און ר' נחמן נעמיראווער און ר' אברהם (שטערנהארץ) האבן אויך אזוי געזאגט (נאר ביי מוסף, ביי 'תקע') אין אומאן; דא (בא"י) ווייס איך נישט.

די חברה האבן אים פארדרייט (את הנוסח), ער איז שוין געווען עלטער, ער האט זיך נישט געקענט שלאגן (מיטן עולם).

(רנ"ב: די מעשה איז אזוי; דא איז מען דאך געווען געוואוינט מיט ר' דוד'ן[ג], און אז ער [ר' אברהם] איז געקומען צו גיין, האט ער געזאגט - [שאינו יכול לשנות את הציבור מאשר היו רגילים])

מיר האט דער אויבערשטער געהאלפן - איך האב זיך נישט געלאזט...

❖

# נוסח 'כי אתה אלקים 'אמת'!'

(ר' נחמן בורשטיין חזר'ט דא אסאך דעם נוסח פון סדר מלכות ביי מוסף מיט ר' לוי יצחק'ן) [00:11:50]

'ועל כן נקוה לך' (וכו').

יעצט איז דא א תנועה צום ערשטן מאל: 'יכירו וידעו כל יושבי תבל' (סדר מלכיות) - דא שרייט מען אוים! [00:12:20]

'ועל ידי עבדיך הנביאים כתוב לאמר' (מנגן עליה את התנועה הידועה) [00:15:15]

- דאס איז א תנועה! דאס איז די תנועה פון ר' נחמן'ען! ר' אברהם (שטערנהארץ) האט געזאגט דא אנדערש, איך ווייס!

(רנ"ב מנגן כמו שניגן ר' אברהם) [00:15:25]

(ממשיך 'כה אמר ה' וכו' אני ראשון ואני אחרון ומבלעדי אין אלקים ונאמר')

'אלוקינו ואלוקי אבותינו מלוך על כל העולם כולו בכבודך' (וכו') [00:17:00]

'שבעינו מטובך ושמחנו בישועתך' (רמ"ב: 'ושמחנו'? א ליטווישער סידור... [כי בנוסח ספרד אומרים 'ושמח נפשינו בישועתך'])

'כי אתה אלקים אמת ודברך אמת' - אז ר' נחמן פלעגט זאגן דעם 'אמת', האט די שול געקלונגען! - 'ודברך **אמת** וקיים לעד, ברוך אתה ה'' (וכו'). [00:18:00]

❖

[ג] ר' אברהם דוד שטעפער ב"ר מרדכי חלעדענקער

# קטעים מסדר זכרונות

ביי 'זכרונות' - אז די כוחות זענען מערער - גיב איך אריין מער כוחות! אין די זכרונות לייג איך אריין מער כוחות!

'אתה זוכר מעשה עולם ופוקד' (וכו'). [00:18:36]

(רנ"ב: ביי אייך מאכט זיך נישט אז עס פארבייט זיך אמאל פון איין ענין ביזן צווייטן; למשל פון מלכויות זכרונות שופרות? ביי אייך איז פונקטליך אויף די ווערטער?) די כוחות פארביטן זיך – דער נוסח כמעט נישט! אבער די כוחות פארבייטן זיך! בשעת די כוחות זענען נישטא - דארף מען 'וידע כל פעול' אויסשרייען, מען דארף 'קדשנו' אויסשרייען, פארשטייסט? און נאך.

(רנ"ב: ווי אזוי זאגט איר דעם 'על כן'?) 'על כן זכרונו בא' (מנגן את הנוסח) - די 'על כן' איז אראפגעלייגט...

איך וויל דיר נאר זאגן די שטיקל - וואס דו זאלסט וויסן - וואס דארט האט מען געזאגט צוויי מאל; 'להזכירם לחיים, להזכירם לחיים' (מנגן את הנוסח).

(רנ"ב: צוויי מאל?) יא!

און 'ולמות' זאגט מען שטיל, קוים וואס מען הערט!

'מי לא נפקד כהיום הזה' (וכו' וכו') [00:21:00]. 'אשרי איש שלא ישכחך'! (וכו').

ביי מלכויות גיב איך אוועק כוחות (רנ"ב: די מערסטע כוחות גיב איך אוועק ביי מלכויות

- נאר וואס? אז איך פיל זיך אביסעלע שטארקער - צעלאז איך זיך; אז נישט, בין איך זיך מצמצם. אז איך בין געווען יונגער האב איך זיך נישט מצמצם געווען - אבער איצטער מוז מען זיך אביסל מצמצם זיין.

(רנ"ב: ווי אזוי זאגט איר 'אשרי איש שלא ישכחך'?) (רלוי"צ מנגן אותה) [00:22:00]

'אשרי איש שלא ישכחך (וכו') ולא יכלמו לנצח כל החוסים בך' (מנגן את התנועה) [00:22:15].

'על כן זכרונו בא' (וכו').

'הלוך וקראת באזני ירושלים לאמר' (מנגן את התנועה) - אזוי האט ר' נחמן געזאגט. [00:23:38]

ר' נחמן (נעמיראווער) פלעגט זיך דרייען ביי 'לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה - ונאמר'! (מנגן את התנועה) - ער האט זיך געדרייט, ער האט זיך געבויגן.

(רנ"ב: די תנועה פון 'הלוך וקראת באזני ירושלים לאמר' - די תנועה האב איך נישט געהערט) די תנועה וועט דיר אסאך העלפן אין אסאך פלעצער.

- דו זאלסט האבן די תנועה אויך; אז דו וועסט האבן די תנועה - וועט זיך דיר באנייען! (רנ"ב: יא! עס איז משחד (מחדש) דעם מח - דאס איז דער זעלבער אופן ווי 'יכירו וידעו כל יושבי תבל'!) יא יא, אוודאי אזוי; דו וועסט האבן אסאך אזוי (שפעטער).

(רנ"ב: ווי אזוי זאגט איר 'כה אמר ה'?) (רלוי"צ מנגן:) 'כה אמר ה' זכרתי לך חסד נעוריך, אהבת כלולותיך לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה, ונאמר'. [00:25:00]

(רנ"ב: און 'הבן יקיר לי'?) (ר' לוי יצחק מנגן:) 'הבן יקיר לי אפרים' (וכו') - די תנועה האט ר' אברהם יא אזוי געזאגט.

'אם ילד שעשועים כי מדי דברי בו זכור אזכרנו עוד, על כן המו' (וכו'). (רנ"ב: אלע 'על כן'ס, זעה איך, גייט אויף איין אופן).

'אלוקינו ואלוקי אבותינו (וכו') את הברית ואת החסד ואת השבועה אשר נשבעת לאברהם אבינו בהר המוריה, ותראה לפניך עקידה'.

ר' נחמן פלעגט זינגען - 'שעקד אברהם אבינו את יצחק בנו על גבי המזבח' (בתנועה הנ"ל של 'לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה').

'וכבש רחמיו' - (רמ"ב: נישט צוויי מאל האט ער געזאגט דעם 'וכבש רחמיו'?) איין מאל!

'לעשות רצונך בלבב שלם, כן יכבשו רחמיך את כעסך מעלינו' - די ווערטער (עם הנוסח) גיבן טייטש!

'ובטובך הגדול ישוב חרון אפך', אוי 'מעמך ומעירך' - ער פלעגט זאגן 'מארצך' אויך - ר' נחמן; דא (במחזור שהוא מחזיק כעת) שטייט נישט קיין מארצך.

(רנ"ב: אין אנדערע איז דא וואס שטייט יא 'מארצך') איך זאג יא 'מארצך' (רנ"ב: אין די נייע מחזורים שטייט יא 'מארצך').

'כי זוכר כל הנשכחות אתה הוא מעולם, ואין שכחה לפני כסא כבודך, ועקידת יצחק' (וכו') (רנ"ב: ר' אברהם פלעגט אזוי זאגן!)

❖

## קטעים מסדר שופרות

'אתה נגלית' (תחילת סדר שופרות) הויבט מען אן - נישט אזוי ווי 'אתה זוכר' (תחילת סדר זכרונות); אתה נגלית גייט א אויסשריי!

- 'אתה נגלית', זאגט די וועלט, איז נישט אזוי ווי 'אתה זוכר'; נאר דאס איז א אויסשריי! 'אתה זוכר' (מנגן זאת) איז אביסל א תחינה'דיגע זאך; און דאס ('אתה נגלית') איז שוין א אויסגעשריי.

(מנגן 'אתה נגלית' וכו') [00:29:05].

'ויהי ביום השלישי בהיות הבוקר' (מנגן את התנועה) - דאס ועסטו באלד האבן נאכאמאל (אותה תנועה).

'והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול' (באותה תנועה).

❖

ווייטער, דא ביי די 'הללוהו'ס'; וואו הויבסטו אן צו זינגען? (רנ"ב: ביי 'הללוהו בתקע שופר') יא יא.

'תקע בשופר גדול לחרותינו' (וכו') [00:31:50]. 'וקרב פזורינו מבין הגוים'. (מנגן את התנועה הידועה של:) 'ונפוצותינו כנס מירכתי ארץ' - מען מוז דא מאכן א שינוי, אז דער עולם דארף מיטזאגן ('ונפוצותינו' וכו').

(רנ"ב: ממילא לאזט מען אזוי אויס דעם 'וקרב פזורינו מבין הגוים'?) יא יא, אוודאי.

(רנ"ב: הייסט - דאס איז ממש אן אפשטעל אינמיטן?) יא יא, אוודאי.

(רמ"ב: די תנועה פון ונפוצותינו פלעגט ר' נחמן זינגען?) יא, דאס איז פון ר' נחמן טולטשינער!

און ווייטער, 'וביום שמחתכם ובמועדיכם ובראשי חדשיכם' (מנגן את התנועה) [00:32:35].

❖

# נוסח 'מכלכל חיים'

(רנ"ב: 'כי אתה שומע קול שופר' זאגט מען צוויי מאל?) **איך זאג איין מאל!**

(רנ"ב: פארוואס?) **דער עולם שרייט** (שוין דעם ניגון).

**אפילו 'הסובל'** (בפיוט 'וכל מאמינים') **זאג איך אויך נאר איינמאל; זיי שרייען - איך זאג נישט. ווי ווייט איך קען היט איך זיך איך זאל נישט זאגן קיין צוויי מאל**[ג].

(רנ"ב: אה, איר מיינט צו זאגן, ווייל דער ציבור זאגט שוין, דארפט איר נישט זאגן צוויי מאל. אבער ר' נחמן נעמיראווער פלעגט יא זאגן צוויי מאל?) **דער עולם האט געזאגט!**

(מנגן) [00:33:30] **'וכל מאמינים שהוא נוצר חסד' - זאג איך 'הסובל' - און איך בלייב שוין שטיין - און זיי זינגען.**

(רנ"ב: אבער אזוי זינגען אן ווערטער קענט איר דאך יא!?) **איך רוה זיך אביסל אפ.**

(רמ"ב: אבער אין אומאן האט מען געזונגען צוויי מאל טאקע?) **יא, דער עולם!**

(רנ"ב: איך האב געהערט אז מילא אין די פיוטים - אבער אין די ברכות אליין היטן זיך אנדערע נישט צו זאגן צוויי מאל יעדןווארט!)

**אפילו ביי דעם 'מכלכל חיים' האב איך געמאכט א שינוי. דער 'מכלכל חיים' איז פון ר' לייבעלע קאנסטאנטינער, האב איך געמאכט א שינוי, איך וועל דיר זאגן ווי אזוי איך זינג 'מכלכל חיים'.**

(רנ"ב: לעצטנס האט איר געמאכט דעם שינוי הייסט עס?) **יא!**

(מנגן 'מכלכל חיים' עם השינוי שלו) [00:34:45]

**פארוואס? - יענע תנועה פון 'להזכירם לחיים'** (שחוזרים עליה פעמיים) **איז פון ר' נחמן טולטשינער און מען האט עס פריער געזאגט ביים טירהאוויצער מגיד, איז וויל איך נישט משנה זיין - זאג איך אים יא איבער צוויי מאל; אבער דא** (במכלכל חיים) **דאס איז א חזן'ישע זאך, ער איז געווען א חזן - ר' לייבעלע - וויל איך אים נישט נאכמאכן** (פעמיים)**, איך בין נישט מחויב צו מאכן די חזן'ישע זאך!**

---

[ג] עי' שו"ת מהר"ם שיק סי' ל"א.

(רמ"ב: ר' נחמן נעמיראווער האט נישט געזונגען אזוי?) (רנ"ב: ר' אברהם שטערנהארץ פלעגט זאגן אזוי: 'ומי דומה, דומה לך, מלך, ממית ומחיה', אוי 'ומחיה') **יא יא, איך וויים, איך וויים - אבער איך האב געמאכט אן אנדער** (אופן איינגעפאסט).

(רנ"ב: ווייל איר ווילט נישט איבערזאגן צוויי מאל!) **דו קענסט זיך אויך אויסלערנען אזוי צו טאן, דאס איז א חזן'ישע זאך - איך וויל נישט - איך בין דאס מחויב צו מאכן עטליכע מאל דעםווארט?!**

(רנ"ב: ווי זאגט איר 'מלך'?) (ר' לוי יצחק ווייזט אים ווי אזוי ער זינגט דעם 'מכלכל חיים' אן איבערצוגיין צוויי מאל די ווערטער; און אויך ווי אזוי מען זינגט עס דורכ'ן יא איבערגיין צוויי מאל אויף די ווערטער) [00:37:40]

(רנ"ב: איר פלעגט קודם אויך אזוי זאגן ווי ר' אברהם?) **יא, אוודאי האב איך אזוי געזאגט. אין די לעצטערע יארן האב איך זיך מיישב געווען; עס איז א חזן'ישע זאך - איך וויל עס נישט, שוין!**

(רנ"ב: נו, עס איז דאך קדוש בקדושת אומאן!) **יא, און שוין, איך האב עס אראפגענומען, פערטיג. מען איז שוין געוואוינט, מען ווייסט שוין אז איך לאז זיך נישט... דו קענסט אויך אזוי טאן.**

(רנ"ב: איך וועל אייך זאגן, בשעת מעשה דאווען איך ווי עס גייט, הארציג!) **טראכט פריער! דו ווייסט? אז איך גיי צום כותל, גיי איך איבער דעם מוסף אויפן וועג** (אהין)**; איך גיי קריק - גיי איך איבער** (על הנוסח של) **יום כיפור!**

(רנ"ב: בשעת ר' יעקב[ד] דאווענט גיי איך איבער דעם מוסף...)

❖

(רמ"ב: די פתיחה פון שחרית און די פתיחה צו מוסף זענען אנדערש?; אדער ר' יצחק בארזעסקי זאגט אנדערש ווי איר?) **ער זאגט דאך אזוי ווי ר' דוד.**

(רמ"ב: אין אומאן פלעגט מען זינגען די פתיחה פון שחרית און פון מוסף די זעלבע זאך?) **די זעלבע זאך!**

(רמ"ב: און 'מכלכל חיים' אויך די זעלבע?) **ניין, 'מכלכל' נישט.**

---

[ד] ר' יצחק יעקב ב"ר אבא יהודה לייב קלמנוביץ – "ר' יעקב מלמד"

(רנ"ב: די שחריתים זענען צעקלאפט, איך גלויב אז דארטן ביי אייך איז אויך אזוי, עס איז נאך דא אסאך תנועות וואס עס פעלט!) **יא, ער** (ר' יצחק בארזעסקי) **דאוונט אזוי ווי ר' דוד.**

דער מוסף זאל דער אויבערשטער העלפן - 'עד מאה ועשרים שנה' וועט שוין פארבלייבן אביסל נוסח וואס איך האב אנגעדאוונט, אבער דעם שחרית קען איך נישט (פאררעכטן) ווייל ער האט געהערט פון ר' דוד'ן...

(רמ"ב: און פון וועמען האט ר' דוד געהערט?) וויים איך נישט, ר' דוד האט געדאוונט מוספים.

(רנ"ב: די מאמע פלעגט זאגן אז ער [ר' דוד] איז געווען ביי ר' נחמן טולטשינער, איך ווייס נישט, אז ער איז געווען א קליין אינגעלע פלעגט ער שטיין לעבן ר' נחמן טולטשינער)

ער איז געווען אמאל ביי מיר - געגעכטיגט ביי מיר סוכות, איך האב אים בודק געווען: 'איך קען נישט דעם נוסח' - האט ער מיר געזאגט, 'איך האב ווינציג געהערט, איך קען נישט דעם נוסח!'

❖

## נוסח 'וכל מאמינים'

דו ווייסט אז דעם 'וכל מאמינים' האט אויך ר' אברהם (שטערנהארץ) נישט געזאגט אזוי ווי מען זאגט היינט (רנ"ב: ר' אברהם האט געהאט דריי וכל מאמינים'ס [ג' נוסחאות])

ר' אברהם איז געווען אזוי - ר' אברהם האט יום כיפור געדאוונט אין טשעהרין.

ר' אברהם פלעגט אויך זאגן אנדערש 'מיסוד חכמים'.

(רלוי"צ מנגן את הנוסח של ר' אברהם) [00:41:00]

דריי זאכן האט ער געזאגט מיט דעם נוסח: ('מיסוד חכמים'), 'ונסלח', און סלח נא.

(רנ"ב: 'סלח נא' - זאג איך שוין אזוי ווי איר זאגט).

(רלוי"צ מנגן) [00:41:15] 'סלח נא, לעוון העם הזה, כגודל, [אה אה, אוי] חסדך' (וכו').

(רמ"ב: עס איז געווען אסאך שינוים צווישן אייך מיט ר' אברהם'ען?) **ניין!**

❖

(חסר - מנגן הנוסח של ערבית:) [00:42:18] 'אל חי וקים, תמיד ימלוך, עלינו לעולם ועד' - 'עלינו' דריי איך שוין ארויף.

'ואהבתך על תסיר ממנו לעולמים'.

(רנ"ב: אה, איר ציט אוים דעם לעצטן ווארט!) **יא יא.**

(רמ"ב: דא ביי 'ואהבתך' זינגט מען שוין נישט?) **ניין!**

(רנ"ב: 'ברוך' זאגט מען גלייך אזוי?) **ניין, איך הויב נישט אן 'ברוך' און נאכדעם זינגט מען - דאס נישט! דער עולם זינגט - און נאכדעם זאג איך 'ברוך'!**

(רנ"ב: אה, אינמיטן די ברכה זינגט איר נישט?) **אוודאי נישט!**

(רנ"ב: שטענדיג אזוי געווען?) **אוודאי, דער עולם לאזט אוים "הא הא הא הא - ברוך אתה ה' המעריב ערבים". אז מען ווארט נאך 'ברוך אתה ה'' איז שוין צופיל הפסק ביז 'המעריב ערבים'.**

❖ ❖ ❖

# ערב ראש חודש אלול - במירון

(טייפ מס' 95#)

## זמן תפילת נעילה

(מדברים על סדר יום כיפור)

**מיר איז גרינגער** (תפילת כל נדרי לפני העמוד) **ווייל דריי שעה פריער עס איך אפ.**

(רנ"ב: און ביי די סעודה המפסקת וואס טוט איר?) **דאס איז מיין סעודה המפסקת; האלב צוויי דאוונט מען מנחה ביי אונז - בין איך צוויי אזייגער אין שטוב און דעמאלט עס איך - מער עס איך נישט.**

(רנ"ב: איר טרינקט נישט עפעס אינמיטן גארנישט?) **גארנישט.**

(רנ"ב: פאסט איר דאך א דרייסיג שעה?) **שוין, אבער עס איז מיר גרינגער צו צוגיין צום עמוד.**

(רנ"ב: איר ציהט נישט אריין נעילה אין די נאכט אריין?) **אביסעלע אין די נאכט.**

(רנ"ב: ר' אברהם [שטערנהארץ] האט איינמאל מאריך געווען, איז מען אים געקומען זאגן אז די רעבעצין זיינע חלש'ט... האט ער שוין געמאכט גאר גיך - אברהם אנשין דערציילט דאס - ער האט אריינגעצויגן אפשר א שעה אין די נאכט - ביי נעילה איז דאך געווען ביי אים געוואלדיג - מען האט געזעהן אז עס איז נישטא קיין עצה - איז מען צוגעגאנגען צו אים און געזאגט: 'די רעבעצין חלש'ט' - איז ער שוין געפארן אויף בערג און אויף טאלן...)

**איך בין מדקדק - אפילו קיין מינוט נישט** (אויסצוציען)**; איך לאז נאך אפ** (אויס) **צוויי מינוט פריער - און מען גייט א ריקוד!**

(רנ"ב: א ריקוד גייט מען?) **יא, אז עס איז נאך דא** (צייט) **- מען האט געענדיגט 'אבינו מלכנו', פאר 'שמע ישראל' - אז עס איז נאך פריה און עס איז נאך דא פינעף מינוט.**

(רנ"ב: מען גייט א ריקוד - 'לשנה הבאה'?) **'זכרנו לחיים' - די גאנצע, א געשמאקער ריקוד.**

(רנ"ב: מען זינגט שוין: 'וחתום'!) **יא יא.**

**עס איז נאך קיינמאל נישט אנגעקומען אז איך זאל אריינציען אפילו קיין איין מינוט נישט**[ה]**.**

(רנ"ב: עס איז קיינמאל נישט געווען ביי אייך אפילו אין אומאן אויך נישט?) **אין אומאן יא, אין אומאן האט מען געצויגן אסאך - אסאך אין דער נאכט; דא נישט - עס איז שוואכע מענטשן דא.**

(רנ"ב: איינער וואס קען נישט פאסטן זאל אפשר דאווענען מעריב און גיין שלאפן?) **ניין, ניין - דאס איז ביי מיר א זאך: איך זאל יענעם נישט מוטשען אפילו קיין איין מינוט נישט!**

**מיר דוכן'ען דאך** (בתפילת נעילה) (רנ"ב: יא, ביי אונז דוכן'ט מען אויך) **- בין איך מאריך ביי 'שים שלום'** (עיין לקמן).

(רנ"ב: וויפיל צייט פאר די שקיעה שטעלט איר זיך דאווענען תפילת נעילה?) **אנדערהאלבן שעה.**

(רנ"ב: איר מאכט א קליינע הפסקה יום כיפור - קיין שום הפסקה אינגאנצן?) **מען פארקויפט נאר די עליות נאך שחרית און מען ליינט אפ און מען דאוונט שוין מוסף און נאך מוסף פארקויפט מען די עליות פון** (מנחה)**.**

(רנ"ב: 'קל הורית לנו לומר' האסטו א זיבן מאל!) **ניין - ביי נעילה הויב איך נישט אן דארטן - איך האב נישט קיין כח; ביי נעילה הויב איך אן 'כמו שהודעת לעניו מקדם'. עס איז א**

[ה] עי' בחסד לאלפים לבעל ה"פלא יועץ" סי' נ"ג, ו'

צעהן מאל דארטן 'קל הורית' – הויב איך אן 'כמו שהודעת לעניו מקדם', איך ווארט צו ביז עס ווערט שטיל אינגאנצן; אז איך הייב אן 'קל הורית' - קען איך אנהויבן פריער, אבער אז איך הייב אן 'כמו שהודעת לעניו' - מוז איך ווארטן ביז עס ווערט אינגאנצן שטיל, און די צייט פארדינט מען נישט.

❖

## נוסח 'שובו שובו מדרכיכם הרעים'

(מדברים על תפילת נעילה)

(רנ"ב: 'אתה נותן יד') **אה הא - דארטן גיט מען כוחות, דארטן לייגט מען אוועק כוחות! איך געדענק נאך ווי ר' נחמן** (נעמיראווער) **האט געשריגן: 'שובו שובו מדרכיכם הרעים, ולמה תמותו', 'שובו שובו' וכו' 'נאום השם, והשיבו וחיו' - האט ער זיך דארטן צולאזט! האט ער זיך דארטן צולאזט - אוי!**

**די גאנצע - אפילו** 'מחול לעונותינו **(ביום הכיפורים הזה')** - **זאגט מען אויך מיט א געוואלדיגע התעוררות.**

איין זאך איז נאר; וואס מען וויל נאך דעם דוכן'ען - מוז מען דאך אביסלע (מקצר זיין), ווען נישט דעם דוכן'ען וואלט מען נאך מער צולאזט זיך, מען מוז דאך דוכן'ען.

דארטן (בחו"ל) איז נישטא קיין דוכן'ען, דארטן דוכן'ט מען נאר ביי מוסף - מער נישט, ביי שחרית אויך נישט.

(רנ"ב: אין אלע מחזורים שטייט דוכן'ען ביי נעילה!?) **דאס איז אלץ אין ארץ ישראל!**

כאטש מען דוכן'ט עטליכע מינוט נאך צוועלף (זמן השקיעה לפי שעון ארץ ישראל) - **אבער** איך קען נישט מאריך זיין; אביסל נאך די שקיעה קען מען - עטליכע מינוט נאך די שקיעה, ממילא בלייבט איבער אויף צו זאגן שים שלום. איך בין שטארק מאריך אין שים שלום, ווייל עס איז נאך דא צייט, און נאכדעם ביי 'בספר חיים' און 'אבינו מלכינו'ס' - די אבינו מלכינו'ס געדויערט צייט.

(השואל: די גאנצע?) ניין ניין - מען הויבט אן: 'אבינו מלכנו החזירנו' (וכו').

(רנ"ב: ביי אונז איז געווען דער מנהג צו זאגן פסוק ביי פסוק אבינו מלכנו?) **יא יא, דאס איז אומעטום אזוי.**

(רמ"ב: ווי זאגט איר דעם נוסח פון 'אבינו מלכינו'?) קום וועסטו הערן - דו ביסט דאך א בעל שחרית.

❖

# ניגון 'יעלה תחנוננו'

**ביי אונז איז א שיינער דאווענען 'כל נדרי', ר' נחמן'ס נוסח כל נדרי - אה!**

(הנוסח של) 'יעלה (תחנוננו') **איז פונעם בעל שם הקדוש!**

(רנ"ב: 'כי הנה כחומר ביד היוצר'?) (רלוי"צ מנגן את הנוסח) [00:51:05] **'לברית הבט'...**

(רנ"ב: צוויי מאל זאגט איר עס?) **ניין!** (רנ"ב: אבער מען פלעגט זאגן צוויי מאל!) **ר' אברהם** (שטערנהארץ) **האט געזאגט צוויי מאל.**

(רמ"ב: און די צווייטע שטיקל - ווי גייט דער נוסח?) **ניין ניין - נאר איין נוסח; ר' אברהם האט געביטן דעם נוסח.**

(רנ"ב: ער [ר' נחמן נעמיראווער] פלעגט זינגען אלעם די זעלבע?) **אלעם איינס!**

(רנ"ב: - מנגן כמו שר' אברהם היה מנגן) [00:52:00]

**הער זיך איין דעם נוסח פון 'כי הנה כחומר' - דאס איז א געוואלדיגער נוסח.**

(רמ"ב: פון ר' נחמן טולטשינער איז דאס?) **אוודאי אוודאי!** (רמ"ב: נאך פון טירהאוויצער מגיד!) **יא!**

(רמ"ב: און די גאנצע זאגט מען נאר מיט די איינע תנועה?) **נאר איינע!**

(רלוי"צ מנגן 'יעלה תחנוננו מערב') [00:52:30]

(רלוי"צ מנגן עם ר' נחמן [00:53:18] 'אמנם כן יצר סוכן בנו')

**- אה דו קענסט עם אויסעווייניג...**

(רנ"ב: איר ווייסט דאך; ר' אברהם האט נישט אזוי געזאגט - ער פלעגט זינגען מיט דעם ניגון פון 'קה רבון') **וויים איך! דו זינגסט אויך** (אויף) **'קה רבון'?** (רנ"ב: איך קען דאך נישט דעם נוסח אייערן, אביסל האב איך שוין געכאפט; איך קען דאך אבער נישט אריבערגיין מיט איינמאל; אפאר שטיקלעך זינג איך שוין אזוי)

(רלוי"צ מנגן ההמשך - 'זכות אורח גם יפרח' וכו' - עד הסוף) [00:54:36]

❖

# הערט צו רבותי, מיר ווילן בענטשן!

## נו, בענטשן בענטשן, שיר המעלות, נו, בענטשן!

(רנ"ב: הערט צו רבותי - מיר ווילן בענטשן; מען זאגט 'שמעו נא' אויך? אזוי ברענגט ר' נתן אין ליקוטי הלכות![ו] ווייל די גאנצע וועלט זאגט דאך מיר וועלן בענטשן; 'נברך' איז דאך אזוי דער טייטש; ר' נתן איז אבער מדייק דעם 'ווילן' - דעם רצון![ז])

**מיר זאגן: מיר ווילן בענטשן! דאס ווייס איך אז מען דארף זאגן: 'מיר ווילן'; נישט מיר וועלן!**

(רנ"ב: מיר 'ווילן וועלן' בענטשן...) **'ווילסט אבער וועלן?!'...**[ח]

❖

# נוסח 'לבוחן לבבות'

(רמ"ב: ווי אזוי הויבט איר אן 'לבוחן לבבות'?) (מנגן בתנועה 'ישרה' ובתנועה 'למעלה') [00:59:55]

**ניין, דאס איז אינמיטן** (- אינמיטן גייט מען ארויף!)

**דו ביסט דאך א בעל מוסף!** (- כך הוא אומר לר' נחמן - והרי 'לבוחן לבבות' שייך לשחרית!)

(רנ"ב: אבער עס איז גוט צו וויסן!)

**שמעון** (בורשטיין) **דאוונט ביי אייך שחרית?** (רנ"ב: ניין, מיין טאטע דאוונט; שמעון דאוונט מנחה) (כנראה שמדברים מבעלי התפילות ביום כיפור בשכונת קטמון)

---

[ו] ליקו"ה ברכת המזון ה"ג, ו', וזל"ש: "וזהו שאומרים: **'שמעו רבותי אנו רוצין לברך'**, שזהו בשביל הזמנה כמו שכתוב בפוסקים . כי שמיעה בליבא תליא , היינו שאומרים להם שיטו אזנם ולבם להכין הלב אל הברכה כדי לקשר הלב אל הנקדה שבפה שמשם יוצאין הברכות כנ"ל", עיי"ש.

[ז] ליקו"ה נטילת ידים ה"ו, ע"ה, וזל"ש: "כי עיקר ברכת הזימון הוא בחינת הארת הרצון שאומרים קודם ברכת המזון שאנו רוצים לברך. כמו שאומרים: נברך שאכלנו משלו וכו'. ועוד הנהיגו רז"ל להוסיף לומר מקודם בלשון לע"ז: רבותי 'מיר ווילין בענטשין ' - **פקח עיניך אתה המעיין וראה נפלאות ה'!** איך חכמינו ז"ל ברוח קדשם תיקנו הכל על הסדר, שדייקא במצות ברכת המזון תקנו זאת לזמן שהוא לומר נברך וכו'. ולהוסיף עוד מקודם לומר דיבורי הרצון המופלג הנ"ל בפה מלא שאומרים 'מיר ווילין בענטשין'. וכל זה מחמת **שעיקר הארת הרצון הוא בשעת האכילה** כנ"ל, על כן אז דייקא תיקנו ברכת הזימון ולומר דיבורי הרצון בפירוש!".

[ח] חיי מוהר"ן תקצ"ב: "אחד מבני הנעורים דיבר עמו ז"ל ואמר, אני רוצה להיות איש כשר **"איך וויל זיין איין ערליכער יוד"**. והשיב לו רביז"ל **"ווילסטו אבער וועלן?"**. והמשכיל יבין כי דיבורים אלו המועטים מחזיקים הרבה מאד כידוע ומובן למעיין בשיחותיו הקדושים והנפלאים מאד. יהי רצון שנזכה לקיימם אמן!"

**דיין טאטע דאוונט שחרית אזוי ווי יענקל!** (רנ"ב: אזוי ווי יענקל מלמד - אוודאי, ער האט נישט געהערט קיין אנדערן).

❖ ❖ ❖

# להתרחק מדאקטורים

(משוחחים אודות הטיפול-רפואה שהיה נפוץ בימים ההם להעמיד עלוקות)

(רמ"ב: עס איז נאך דא איינער אין תל אביב וואס ניצט עס נאך, נאך איינער איז געבליבן)

**ר' נתן האט געשריבן אים אין א מכתב[ט]...**

(רמ"ב: יא! עס איז געווען בכלל די רפואות וואס דער רבי האט נישט געהאלטן?) **נישט דאס, ער האט געהאנדלט דערמיט. עפעס איז געווען דארטן א זאך, איך ווייס? - און ער האט זיך פארקלאגט פאר ר' נתן'ען דארטן - האט ער אים געשריבן: 'אוודאי דארף מען זעהן ארויסנעמען די שלעכטע בלוטן'.**

(רמ"ב: און ווי האט מען געהאלטן פון דעם אלץ רפואה? מען מעג עס ניצן?) **איך ווייס נישט - איך ווייס נישט וואס דאס איז בכלל!**

(רמ"ב: קליינע פישלאך וואס שווימען אין וואסער און מען לייגט עס אויפן בלוט און עס צאפט - נישט באנקעס. עס איז דא אין תל אביב עפעס אן אלטער שערער וואס האט עס געהאט אין א געשעפט, נאר איין פאַר איז געבליבן... די וואס האבן געשוואלענע פיס - די וואס ליידן אויף די פיס - אויף די אדערן, לייגט מען דאס אויף די פיס און דאס צאפט די בלוט און עס נעמט אוועק די גאנצע געשווילאכטס.

די דאקטוירים לאכן פון דעם ווייל עס נעמט זיי אוועק די פרנסה; נאר אז עס איז אן ערנסטער מצב שיקן זיי צו אים. ער האט עס נאך געבערענגט פון טערקיי - איז די שאלה - אויב עס איז בכלל די זאכן וואס דער רבי האט געהייסן נישט ניצן פאר רפואה, אדער נישט?

---

[ט] עלים לתרופה מכתב ק"ג: "וְשָׁלוֹם לְכָל אַנְשֵׁי־שְׁלוֹמֵנוּ בְּאַהֲבָה רַבָּה, וּבִפְרָט לִידִידִי בֶּן אֲחוֹתִי הָרַבָּנִי מוֹרֵנוּ הָרַב יִצְחָק אַיְיזִיק נֵרוֹ יָאִיר. חֲזַק וֶאֱמַץ, וּבְטַח בַּה' שֶׁיִּשְׁלַח לְךָ רְפוּאָה שְׁלֵמָה מְהֵרָה, וְאַל תַּעֲסֹק בִּרְפוּאוֹת, אַף גַּם לְהַעֲמִיד עֲלוּקוֹת, תְּצַוֶּה לְהַעֲמִידָם לְשׂוֹנְאֶיךָ וּלְאוֹיְבֶיךָ, וְאַתָּה תְּקַבֵּל רְפוּאָה מֵאֵת ה' מִן הַשָּׁמַיִם!"

[י] שם מכתב רפ"ח: "וְהִנֵּה סְחַרְתֶּם עַד הֵנָּה בְּפִיאָווְקֶים (עֲלוּקוֹת), וְאִם זְכִיתֶם לַעֲשׂוֹת הַמַּשָּׂא וּמַתָּן כָּרָאוּי הָיָה רָאוּי שֶׁהַפִּיאָווְקֶים יוֹצִיאוּ דָּם הָרַע שֶׁבְּקִרְבְּכֶם עַד שֶׁיִּתְהַפֵּךְ לְדָם טָהוֹר שֶׁהוּא מָמוֹן כָּשֵׁר מָמוֹן יִשְׂרָאֵל. כִּי דָּמִים תַּרְתֵּי מַשְׁמָע. וּמִבִּלְבּוּלֵי הַדָּמִים שֶׁקָּשֶׁה לְזַכְּכָם, בָּא חֳלִי הַמָּאזְלִין (חַזֶּרֶת) רַחֲמָנָא לִצְלַן, וְכָל מִינֵי חוֹלַאַת רַחֲמָנָא לִצְלַן, וְכָל טִרְדַּת הַפַּרְנָסָה וְכָל הַמַּחֲלֹקֶת וּבִזְיוֹנוֹת וּשְׁפִיכוּת דָּמִים, אֲשֶׁר אַתֶּם מְבַקְשִׁים כָּעֵת עַל כָּל זֶה. אַתָּה צָרִיךְ לִישׁוּעָה גְּדוֹלָה שֶׁיַּחֲזֹר בִּנְךָ לְאֵיתָנוֹ בִּשְׁלֵמוּת מְהֵרָה, בַּעַל הָרַחֲמִים בּוֹרֵא רְפוּאוֹת יְמַלֵּא מִשְׁאֲלוֹתֶיךָ מְהֵרָה!"

איינער האט געזאגט די וואך, אז וויבאלד דער רבי האט געזאגט אז פאקן דארף מען טוהן און ווער עס מאכט עס נישט איז שופך דמים[יא] - איז א סימן אז דער רבי האט יא געהאלטן אז מען מעג מאכן רפואות, נאר דער רבי זאגט אז זיי ווייסן נישט[יב], זיי זענען רוצחים, אבער לו יצוייר א זאך וואס זיי ווייסן יא, מעג מען ניצן!?)

(אחד הנוכחים: וואס הייסט פאקן?) **באווארענען קינדער** [נגד אבעבועות שחורות] - **אפילו ווינטער אין די פרעסטן.**

(רמ"ב: נו, וואס איז פשט; ווייל די זאך איז בדוק ומנוסה? קומט אויס, א רפואה וואס איז בדוק ומנוסה מעג מען יא ניצן?! עס איז דאך דא א שיטה פון רמב"ן אז מען טאר בכלל נישט נעמען קיין רפואות!) **'מה לרופא בבית ירא השם?!'**[יג]

---

[יא] עי' אבניה ברזל - שיחות וסיפורים מרביז"ל, ל"ד: "**רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל אָמַר שֶׁצְּרִיכִין לְכָל יֶלֶד לְהַעֲמִיד פָּאקִין קֹדֶם רֶבַע שָׁנָה. וָוארוּם אוֹיבּ נִיט הוּא כְּמוֹ שׁוֹפֵךְ דָּמִים. אֲפִלּוּ אִם דָּרִים הַרְחֵק מִן הָעִיר וְלִסַּע אֲפִלּוּ בִּזְמַן שֶׁהַקֹּר גָּדוֹל לְהַעֲמִיד פָּאקִין קֹדֶם רֶבַע שָׁנָה**".

[יב] עי' שיחות הר"ן נ', ונציין רק חלק מתוכו, בא"ד: "מענין דוקטורים ורפואות הרבה לדבר עמנו מאד והיה מגנה מאד מאד ענין רפואות ודוקטורים, ומזהיר מאד מאד לכל מי שרוצה לחוס על חייו ועל חיי זרעו ובני ביתו, **שיתרחק עצמו מאד בתכלית הריחוק מלעסוק ח"ו ברפואות ודוקטורים. ואפלו מי שיש לו חולה בתוך ביתו ואפלו אם החולאת חזק ח"ו רח"ל אף על פי כן ישליך על ה' יהבו וישען באלקיו לבד ואל יעסוק ברפואות ודוקטורים כלל, אפלו במקום שיש דוקטורים מופלגים אף על פי כן אל יסמוך עליהם ואל ימסור חייו בידם, כי הם קרובים למיתה יותר מחיים רחמנא לצלן!** כי אפילו מי שהוא דוקטור גדול אי אפשר לו לכוון החולאת והרפואה השייכת לו לפי מזגו וטבעו וכפי החולאת שלו וכפי העת והזמן. כי יש בזה כמה וכמה שינויים שצריך הדוקטור לכוון בהם מאד וקשה לו מאד שיכוון ולא יטעה בכל הפרטים כאשר הם בעצמם מודים בזה. ובקל בקל יוכל לקלקל לו הרבה הרבה שלא יועיל שום תקנה לחייו ח"ו, **ואפלו הדוקטור הגדול מאד מכל שכן וכל שכן רוב הדוקטורים המצויים במדינתנו אשר רובם אינם יודעים בין ימינם לשמאלם והם רוצחים ממש והורגים נפשות בידים ח"ו, צריך לברוח מהם כמטחוי קשת לבל ימית עצמו או החולה שמוסר להם בידים ח"ו. ואפלו כשסומך על דוקטורים גדולים הוא סכנה גדולה מאד ורחוק מן החיים מאחר שנפל ביד הדוקטור.** ואי אפשר להאריך ולספר כל מה שסיפר רביז"ל בענין זה!!!", עיי"ש עוד דבריו הנוראים בענין זה בפנים.

[יג] בפר' בחוקותי כו, יא, וזל"ש: "והכלל כי בהיות ישראל שלמים והם רבים, לא יתנהג ענינם בטבע כלל, לא בגופם, ולא בארצם, לא בכללם, ולא ביחיד מהם, כי יברך השם לחמם ומימם, ויסיר מחלה מקרבם, **עד שלא יצטרכו לרופא ולהשתמר בדרך מדרכי הרפואות כלל**, כמו שאמר (שמות טו כו) כי אני ה' רופאך. וכן היו הצדיקים עושים בזמן הנבואה, גם כי יקרם עון שיחלו לא ידרשו ברופאים רק בנביאים... אבל הדורש השם בנביא לא ידרוש ברופאים - **ומה חלק לרופאים בבית עושי רצון השם?** אחר שהבטיח וברך את לחמך ואת מימיך והסירותי מחלה מקרבך, **והרופאים אין מעשיהם רק על המאכל והמשקה להזהיר ממנו ולצוות עליו...** וזו היא כונתם באמרם (שם) 'ורפא ירפא' - 'מכאן שנתנה רשות לרופא לרפאות', **לא אמרו שנתנה רשות לחולה להתרפאות, אלא כיון שחלה החולה ובא להתרפאות כי נהג ברפואות והוא לא היה מעדת השם שחלקם בחיים, אין לרופא לאסור עצמו מרפואתו, לא מפני חשש שמא ימות בידו, אחרי שהוא בקי במלאכה ההיא, ולא בעבור שיאמר כי השם לבדו הוא רופא כל בשר, שכבר נהגו...**", עיי"ש.

ביים רבי'ן איז געווען אזוי: עס איז דא צוויי זאכן; דער רבי זאגט - זיי זענען מזיק די רופאים - דעמאלט קומט אוים - אבער א זאך וואס עס איז נישט מזיק, מעג מען יא; און אזוי אויך זאגט דער רבי - אז מען נעמט זיך צו 'דבר ה'' - דעמאלט ליגן אלע רפואות אין 'לחם ומים'[יד] - (ולפי זה) איז דאך נישט קיין נפקא מינה וואספארא (רפואה). וויבאלד אז דאס איז דער שורש - דער דבר ה' - איז נישט קיין נפקא מינה צו עס איז יא מזיק צו עס איז נישט מזיק; וויבאלד דורך תפילה האלט מען אן אינעם שורש.

אז רבי נתן האט אנגענומען די זאך פון תפילה - האט ער שוין קיין שום רפואה נישט גענוצט, גארנישט![טו]

אפילו אז ער איז געווען אמאל אין מרחץ, ער איז געווען א חולה מעים - און ער האט געפילט אז עס ווערט אים גרינגער, איז ער נאכאמאל (געגאנגען למרחץ) - איז אים געווארן ערגער.

- (האט ר' נתן געזאגט:) "פריער אז ער האט נישט מתכוון געווען לרפואה איז אים געווארן גרינגער; (עכשיו) אז ער האט מכוון געווען לרפואה איז שוין געווארן ערגער!" פארשטייסט? אזוי ווייט איז ער געוועזן - גארנישט!

אבער ר' נפתלי מיט אנדערע, האבן שוין נאר געזעהן - נאר די זאך וואס עס איז מזיק - נאר דאס נישט, אבער סתם דארטן - איך וויים דארטן (- היו לוקחים!)[טז].

---

[יד] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' א', וזו תוכן דבריו שם: "כְּשֶׁנִּגְאֶלֶת וְנִפְדֵּית הַתְּפִלָּה אֵין צְרִיכִים לְשׁוּם רְפוּאָה עַל־יְדֵי רוֹפְאִים וְדָאקְטוֹרִים, כִּי יְכוֹלִים לְהִתְרַפְּאוֹת עַל־יְדֵי כָּל מַה שֶּׁאוֹכֵל, אֲפִלּוּ עַל־יְדֵי לֶחֶם וּמַיִם כְּמוֹ עַל־יְדֵי רְפוּאוֹת!" (קיצור ליקו"מ)

[טו] עי' עלים לתרופה מכתב שצ"א: "וְתַזְהִיר מְאֹד מְאֹד אֶת כָּל בְּנֵי בֵיתִי שֶׁיִּשְׁמְרוּ עַצְמָן לְבִלִי לַעֲסֹק עִמָּהּ בְּשׁוּם רְפוּאוֹת שֶׁל הֶהָמוֹן הַנִּקְרָאִים בָּאבְּסְקֶע [נָשִׁים זְקֵנוֹת]. וְלֹא רְפוּאוֹת הַדָּאקְטוֹרִים חַס וְשָׁלוֹם, כִּי כֻלָּם שֶׁקֶר וְכָזָב, לֹא יוֹעִילוּ וְלֹא יַצִּילוּ, אַדְּרַבָּא מַזִּיקִים הַרְבֵּה... רַק לִסְמֹךְ עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְבַד... וְרַק הוּא לְבַד רוֹפֵא אֱמֶת נֶאֱמָן וְרַחֲמָן, הוּא יַכְאִיב וְיֶחְבַּשׁ, הוּא וְלֹא אַחֵר; וּכְבָר דִּבַּרְתִּי בָּזֶה הַרְבֵּה בְּשֵׁם אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ ז"ל, אַךְ אָנֹכִי הָרוֹאֶה שֶׁעֲדַיִן צְרִיכִין לְדַבֵּר בָּזֶה הַרְבֵּה. וְהַלְוַאי שֶׁיּוֹעִיל לְהַצִּיל נְפָשׁוֹת. עַל כָּל פָּנִים בְּבֵיתִי אֵין רְצוֹנִי שֶׁיִּכְנֹס שׁוּם סַם שֶׁל רוֹפְאֵי אֱלִיל! רַק לְקַיֵּם כְּמוֹ שֶׁשָּׁמַעְתִּי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ שֶׁאָמַר לְעִנְיָן זֶה בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: וָואס טוּט מֶען אַז מֶע אִיז אִין פֶּעלְד?!" וְכוּ' (שיחות הר"ן נ'). וַאֲנִי כַּפַּי פְּרוּשׂוֹת אֶל ה', יִשְׁלַח עֶזְרָהּ וִישׁוּעָתָהּ מְהֵרָה לְהַחֲלִימָהּ וּלְרַפְּאוֹתָהּ חִישׁ קַל מְהֵרָה אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

[טז] עי' עלים לתרופה מכתבים ג'-ד'.

ר' נחמן טולטשינער האט געהאט עצירות דרייצן טעג - ער האט גארנישט געטאן. (באמרו:) "דער וואס האט פארמאכט - דער וועט עפענען!" ער האט גארנישט געטאן - דאס איז שוין א גאנג פון רבי נתן'ען!

אבער כמעט רוב פון אונזערע לייט האבן יא געטאן עפעס א זאך וואס עס איז נישט מזיק.

אזעלכע מיני זאכן פון אויבן אויף, א זאך וואס - (רמ"ב: די אלע סארטן שמיראכטס) יא, דאס איז נישט מזיק. עס איז דא וואס האבן געזאגט - אז א ניתוח (אפעראציע) איז גרינגער ווי נעמען א רעצעפט.

(רמ"ב: פון אונזערע לייט איז געווען וואס האבן אזוי געזאגט?) יא, ווייל די סמים - יעדער רעצעפט איז דאך פון סם - אויב מען איז נישט מכוון דעם רעצעפט אזוי ווי מען דארף, קען מען יענעם רח"ל אוועקפאקן... א ניתוח איז א גרינגע זאך - ער גייט צו דארטן וואו עס איז די זאך (המחלה) - ער שניידט עס אויף, ער נעמט ארויס דארטן (מה שצריך). ער ווייסט, ער גייט גלייך צו און טרעפט וואו דאס איז און נעמט עס ארויס! דאס איז גרינגער - דאס איז נאך מער ווינציגער מזיק ווי א רפואה וואס גייט פון הרכבות[יז].

(רנ"ב: אבער ר' נתן שרייבט אין א מכתב: אויב חלילה ער וויל שניידן זאל מען נישט שניידן!?[יח]) ער מיינט דארטן אן אנדער שניידן, עס איז פארהאן אמאל - (רנ"ב: וואס מען דארף עפענען א מכה! עס איז געווען בפי הטבעת, ער ווייסט נישט וואס -) דער אויבערשטער זאל העלפן - אלע זאלן זיין געזונט, ממילא וועלן מיר פאלגן דעם רבי'ן - כאטש מיט פופציג פראצענט...

---

[יז] עי' עלים לתרופה מכתב רל"ט, מה שכותב שם: "וּכְבָר יָדַעְתָּ לִבְלִי לַעֲסֹק בְּשׁוּם רְפוּאָה גַּשְׁמִית, הֵן מֵרוֹפֵא וְדָאקְטִיר, הֵן מֵהֲמוֹן עַם. וְאַל תִּשְׁמַע לְקוֹל צַעֲקַת אִשְׁתְּךָ וְרֵעֶיךָ, אֲפִלּוּ לְקוֹל הַצַּדֶּקֶת מָרַת אָדֶיל תִּחְיֶה, רַק תְּקַבֵּל בְּאַהֲבָה גַּם יִסּוּרִים אֵלּוּ שֶׁצְּרִיכִים לִסְבֹּל מִקּוֹל צַעֲקָתָם, אֲבָל לֹא תְּצַיֵּת לָהֶם כְּלָל. רַק אִם יַכְרִיחוּ אוֹתְךָ לַעֲשׂוֹת לוֹ קַאנֶע פְּשׁוּטָה אוֹ צֶעפִּיל [סוג טפּול] תִּהְיֶה מֻכְרָח לַעֲשׂוֹת מֵחֲמַת הֲמוֹן תְּשׁוּאָתָם שֶׁהוֹמִים לַעֲשׂוֹת דַּוְקָא כַּיָּדוּעַ לְךָ כָּל זֶה. וְלַה' הַיְשׁוּעָה וְהָרְפוּאָה, וַאֲנִי מְקַוֶּה לְקַבֵּל בְּשׂוֹרָה טוֹבָה מְהֵרָה".

[יח] מכתב קפ"ט: "אַךְ תִּשְׁתַּדֵּל בְּחָכְמָתְךָ לְדַבֵּר עִם הַדָּאקְטִיר שֶׁיְּמַעֵט בִּרְפוּאוֹת בְּכָל מַה דְּאֶפְשָׁר, אַךְ אִם יִהְיֶה חַס וְשָׁלוֹם דַּעַת הַדָּאקְטִיר לַחְתֹּךְ שָׁם ח"ו וְשָׁלוֹם, תִּרְאֶה לְהִשְׁתַּדֵּל שֶׁיִּתְרַשֵּׁל בָּזֶה, כִּי אֵין דַּעְתִּי מַסְכֶּמֶת לָזֶה כְּלָל! רַק לְבַקְּשׁוֹ אוּלַי יוּכַל לְהִשְׁתַּדֵּל לְרַכֵּךְ עַל יְדֵי אֵיזֶה רְפוּאוֹת".

(רנ"ב: מען זעהט - ר' נתן ר' לייבעלע ראובן'ס איז שטארק אין די זאך פון דאקטוירים אין די בריוון זיינע[יט])

**יא, יא!**

**דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זיין געזונט, מיר זענען זייער שוואך אין דער זאך...**

❖ ❖ ❖

## ניגון 'בת עמי לא תחשה'

(מכאן שומעים יום כיפור קטן) [1:06:22 עד 1:21:28]

**ר' אבא'לע און ר' אברהם בער'ניו - פון טשעהרין זענען זיי געקומען צו פארן אויף ערב ראש חודש שבט, פלעגן זיי שוין בלייבן אויף ראש חודש.**

**ר' נחמן** [טולטשינער] **האט געמאכט א סעודה, און מען האט געזונגען ביים טיש 'בת עמי', און ר' אברהם ר' נחמן'ס - ער האט אונז אויסגעלערנט דעם ניגון.**

**ר' אברהם ר' נחמן'ס איז אזוי; ער האט געזונגען פונקטליך, ער האט נישט געהאט קיין קול - אבער ער האט פונקטליך געזונגען, מדייק געווען מיט א תנועה - נישט מאכן אנדערש!**

(רנ"ב פונה לרלוי"צ: הויבט אן) **איך וועל אנהויבן אביסעלע שטילער** (רלוי"צ מנגן את הניגון:)

**'בת עמי, לא תחשה! ולא תשקוט בזעקה, בזעקה'** [1:22:10]

(מנגן את הקטע הראשון ואח"כ את האחרון) **עס גייט די לעצטע שטיקל - 'חלף קרבנות פדר, תפילתי תראה'** (וכו'). (הניגון הוא רק על הקטע הראשון והאחרון של הפיוט 'בת עמי')

---

[יט] מכתבי ר' נתן בר"י - מכתב מ"ה, וזל"ש: "כי אתה יודע שכל העולם נבוכים מאד מאד בענין דאקטורים! ונוסעים מכאן אנשים ל'ווין' להדאקטורים, ומירושלים באים אנשים בכל שבוע לחיפה לרחוץ בים המלח ויש להם ג"כ הוצאות הרבה - כי בן אדם אינו יכול לסבול חולאים, וחושבים אולי מזה או מזה יצמח להם רפואה, ובפרט זוגתו אשר היא אשה בנעוריה וסובלת חולאת כזו ואנשים מן העולם נמצאים הרבה שמחזיקים אותה שבודאי יהיה לה רפואה אי"ה השי"ת יעזור לה ברחמיו המרובין וירחם עליך ג"כ וישלח לה חיש מהר רפואה שלמה. **וזעירין אינון מאנ"ש שהם חזקים בדברי רבנו ז"ל מענין הדאקטורים שלא לעסוק עמהם ע"כ הטירוף שלך אינו מועיל כלל כלל לא. אך צריכין ישוב הדעת** ולהתפלל להשי"ת ולספר לפניו: 'רבוש"ע אתה יודע שאין בכוחי ההוצאה, ע"כ רחם עלי ושלח רפואה שלמה לזוגתי תחי' ובהמעות שאני צריך לתן להדאקטיר וההוצאות - יהיה לפרנסתי בכדי שאוכל לעסוק בתורתך ובעבודתך!'. אך שבאתה לשם ואומרים לה שבוודאי יהיה לה רפואה - אינה יכולה לתת עצה בנפשה וכשהיתה בביתה אזי היה לך עת ליישב דעתך אך לזה צריכין להיות חזק בדברי רביז"ל ולבטוח רק בהשי"ת! יותר חדשות אין רק חיים ושלום ואל שדי יתן לכם רחמים ומצפה לישועתכם בכל עת בשלימות בגוף ונפש וממון. נתן מברסלב".

(רנ"ב: עס איז געווען - ר' אבא'לע און ר' אברהם בער'ניו און -) **עס פלעגן קומען נאך - מען פלעגט קומען פון ברסלב אויך - עס איז אן עולם געווען. מען פלעגט זיין ביים רבי'ן אויפן ציון און געבליבן דארטן ביי ר' נחמן'ען און געמאכט א סעודת ראש חודש - האט מען געזונגען ביים טיש דעם ניגון.**

(רנ"ב: דאס הייסט ביינאכט איז עס געווען - צו אויף מארגן בייטאג?) **איך ווייס נישט, אמאל איז געווען - נישט אזוי ווי היינט - מען איז געפארן מיט דער פיר - איז געווען עטליכע טעג, מען האט גענעכטיגט ביי ר' נחמן'ען - מסתמא, און ארויסגעפארן אינדערפריה דארט, מען האט געמאכט א סעודת ראש חודש און מען איז געזעצן און געזונגען דעם 'בת עמי'.**

(רנ"ב: איז ר' אברהם ר' נחמן'ס, ער איז געזעצן בשעת מעשה?) **יא, ער האט אונז אויסגעלערנט - איך גיב דיר עס איבער פונקט ווי איך האב עס פון אים געהערט.**

(רנ"ב: ווער איז געווען דער זינגער דארטן?) **ביי וועמען מיינסטו, ביי ר' נחמנ'ען? עס איז געווען - ר' נחמן אליין איז אויך געווען א מנגן!**

**עפעס איינער איז געווען - האב איך געהערט - אונזער'ס א חסיד אין אדעס, ער איז געווען א גרויסער מנגן, ער פלעגט אויך קומען ערב ראש חודש, און ער האט עס געזונגען. ער איז געווען דער מנגן, אלע האבן עס געקענט, ער איז געווען דער פונקטליכער.**

(השואל: איר האט אים געקענט?) **ניין, ניין, ווי האב איך אים געקענט קענען?! ער איז געווען אין די צייטן פון ר' נחמן טולטשינער מיט ר' אברהם בערניו'ן.**

(רנ"ב: ווי האט ער געהייסן ווייסט איר נישט?) **ניין, איך געדענק אז דעמאלט ווען ר' אברהם האט עס אונז אויסגעלערנט האבן מיר געהאט א געוואלדיגע התעוררות דערפון.**

(רנ"ב: אוודאי, מען זיצט ביי א טיש צוזאמען, די תנועות זענען געוואלדיגע מורא'דיגע תנועות, איך האב קיינמאל נישט געהערט אזעלכע שיינע תנועות - איך האב איינמאל געהערט דעם 'בת עמי' - די ערשטע שטיקל, אבער דעם אויספיר ביים סוף איז זייער שיין!)

❖

(רנ"ב: ר' נתן'ס שטיף זון ר' שמעלקע[ב] איז געווען א מנגן?) **יא יא.**

(רנ"ב: א פלא'דיגע זאך, ער האט געהערט פון אים א ניגון?) **יא.**

(רנ"ב: ווער, ר' אברהם ר' נחמן'ס?) **ר' אברהם פלעגט עס זינגען, ער פלעגט זינגען אין אומאן דעם ניגון.**

(רנ"ב: וואספארא ניגון?) **דעם ניגון קען מען דא** (רנ"ב: ווערכער ניגון?) (רלוי"צ מנגן את הניגון) [1:29:42] (רנ"ב: איך האב אים נאך קיינמאל נישט געהערט אין מיין לעבן) **יא, פון ר' שמעלקע'ן, ער איז געווען א מנגן!**

(רלוי"צ מזמר את הניגון של 'יום ליבשה') [1:31:55]

(מזמר ניגון על 'אשרי מי שראה פניו בחלום' וכו' - שבזמירות ל'מוצאי שבת') [1:33:20]

❖

## 'חזר'ן זאלסטו ביים רבי'ן אויפן ציון!'

(חסר, כנראה שר' נחמן בורשטיין רוצה לשכנע את רלוי"צ שילמד את הציבור את הנוסח, וע"ז הוא עונה לו כדלהלן)

- **איך בין געווען אויף יום כיפור אין אומאן. יום כיפור האט ער** (ר' נחמן נעמיראווער) **נישט געהאט ווער עס זאל אים אונטערהעלפן, האט ער מיך געבעטן איך זאל אים אונטערהעלפן.** (אמרתי לו:) **'ר' נחמן - חזר'ט מיט מיר אביסל** (את הנוסח). (ענה לי:) **'מיר חזר'ן נישט; 'חזר'ן זאלסטו ביים רבי'ן אויפן ציון!' - אזוי האט ער מיר געזאגט דעמאלט. בשום אופן האט ער נישט געוואלט** (אויסלערנען דעם נוסח).

(רנ"ב: איז ווי קען מען העלפן אז מען קען עס נישט?) **איך דערצייל דיר די מעשה כהויתה - און איך בין געשטאנען לעבן אים, אביסל האב איך אים צוגעהאלפן; געווענטליך, אז ער וואלט ווען מיט מיר געלערנט, וואלט געווען בעסער - אבער ער האט זאגט: 'איך דארף נישט בעסער, וויפיל דו קענסט העלף אונטער!' חזר'ן - נישט!**

**זיי האבן געהאט עפעס א מין ערנסטקייט אין זיך; אפילו חזר'ן - ווען וועט ער שוין חזר'ן? עשרת ימי תשובה!** (פונדעסטוועגן) **זיי האבן געהאט א מין ערנסטקייט אין זיך -**

---

[ב] בן זוגתו השניה של מוהרנ"ת מרת דישל, מוזכר כמה פעמים במכתבי מוהרנ"ת.

אז דער חזר'ן קען נישט זיין מיט דעם אמת אזוי ווי ווען ער דאוונט, פארשטייסט? ממילא האבן זיי נישט געוואלט!

ממילא, מיר דארפן זיי נאכטאן, זיי האבן מכוון געווען על האמת, מסתמא האט ער געזעהן פון די פריערדיגע אויך אזוי - אז מען האט אים נישט געוואלט לערנען...

די אלע אונזערע בעלי תפילות וואס זיי קענען, איז נישט ווייל מען האט זיי געלערנט...

(רנ"ב: בשעת איך האב געהערט פון ר' אברהם'ען, האב איך אמאל גע'חלום'ט אז איך וועל אמאל דארפן דאווענען? קען זיין ווען איך זאל וויסן דעמאלט, וואלט איך אפשר מער צוגעלייגט כוחות...)

ניין, ניין, עס איז בעסער אזוי! עס איז ערנסטער אזוי; (כי על כן) בשעת דו האסט זיך צון[געהערט צו ר' אברהם'ען] האסטו געטראכט נאר פון דעם דאווענען!

❖

מילא דארטן א ניגון (קען מען אמאל אויסלערנען איינעם) - אבער א ניגון פון ימים נוראים?!

- ווען האב איך געהערט די תנועה פון ר' נחמן'ען (נעמיראווער) - די תנועה פון 'יודע ועד' (באמצע 'ונתנה תוקף'), ווען האב איך עס געהערט? ראש השנה! דער איד איז געווען א איד - איך וויים? א הייליגער מענטש און א חסיד - און ער איז געווען א כרוך נאך ר' אברהם ר' נחמן'ס זייער שטארק!

דער איד האט געדאוונט אזוי ממש - עס איז געווען זיס-האניג. האב איך מקבל געווען פון אים א ערנסטקייט - ממילא אז עס קומט די ימים נוראים - מאך איך אים נאך, אבער נעמען אינמיטן יאר זיך פארקרימען און מאכן די שטיק?!...

דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל מאריך ימים זיין, וועט ער שוין הערן נאך א ראש השנה (ממילא וועט ער שוין מיט די צייט קענען דעם נוסח!)

(רנ"ב: מען דארף זיך נישט אויסלערנען איבער א נייעס - דער עולם ווייסט על פי רוב, נאר מען וויל מדייק זיין מער) דו ביסט גערעכט; און איך בין אויך גערעכט. איך האב מיר עס אזוי (געהערט) [אויסגעלערנט] - און אויף דעם וועג (וויל איך עס איבערגעבן).

**הער זיך איין; דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן, מיר זאלן זוכה זיין צו ביאת משיחנו - דער אויבערשטער פארלאזט נישט, אין יעדן דור קלייבט ער אויס איינעם וואס ער דאוונט!**

❖

## וקבל תפילתי כתפילת זקן ורגיל...

(רנ"ב: אט האט איר - לעצטנס וואס זיי [אנ"ש באוקריינע שנתקבצו בר"ה תחת מסך הברזל במסתור] האבן געדאוונט ביים רבי'נס ציון, איז טאקע נישט געווען ווער עס זאל דאווענען דארטן, אבער זיי האבן געדאוונט! ר' מיכל דארפמאן האט מיר געזאגט - און דאס האט מיר געזאגט נאך איינער - נפתלי דובינסקי: 'צו מען האט געדאוונט מיטן נוסח פונקטליך', ווייסט ער נישט, 'אבער מען האט געדאוונט אסאך הארציגער!')

**יא, יא,** (ראש השנה תרצ"ט) **ווען איך בין געלעגן אין קבר**[כא] **און איך האב נישט געהאט קיין מנין, האב איך דעמאלט געגאסן טרערן! טייכן טרערן! נו, איז געווען ערנסטער...**

**הער זיך איין, די וועלט זאגט א ווערטל אזוי: א יונגערמאן דאוונט שענער; אן עלטערער מענטש דאוונט ערנסטער! דער נאטור איז אזוי; דער קול איז אביסל ערנסטער, ער איז צובראכן מערער - איז אביסל ערנסטער!**

**איך האב ר' אברהם'ען געהערט דאווענען ווען ער איז אלט געווען צוויי און פופציג יאר און ווען ער איז אלט געווען פיר און זיבעציג יאר - און בשעת ער איז אלט געווען צוויי און פופציג האט ער געדאוונט שענער - אבער ערנסטער איז געווען ביי די פיר און זיבעציג יאר.**

---

[כא] עי' שיח שרפי קודש - ח"ו, תמ"ח: רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאַחֲרוֹן שֶׁשָּׁהָה רַבִּי לֵוִי יִצְחָק בְּאוּמַן הָיָה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁל שְׁנַת תרצ"ט וְסִכֵּן עַצְמוֹ בְּסַכָּנַת נְפָשׁוֹת מַמָּשׁ בִּנְסִיעָה זוֹ, כִּי הָיָה מְבֻקָּשׁ מְאֹד עַל יְדֵי הַשִּׁלְטוֹנוֹת מֵהַמְבֻקָּשִׁים הָרָאשִׁיִּים, וְאִלּוּ הָיָה נִתְפָּס הָיָה נִשְׁלַח לְסִיבִּיר אוֹ נֶהֱרַג תֵּכֶף וּמִיָּד, וְכָל כַּמָּה שֶׁנִּסּוּ לְמָנְעוֹ מִלִּנְסֹעַ נְסִיעָה זוֹ לֹא הִצְלִיחוּ בְּאָמְרוֹ לָהֶם: מְפַחֵד אֲנִי מִזֶּה שֶׁלֹּא אֶסַּע וְאֶשְׁתַּטֵּחַ עַל צִיּוּן רַבֵּנוּ לְרֹאשׁ הַשָּׁנָה יוֹתֵר מִמַּה שֶּׁאֶסַּע וְאַף שֶׁהוּא סַכָּנָה גְּדוֹלָה! וּבְשַׁבָּת שֶׁקֹּדֶם רֹאשׁ הַשָּׁנָה נִכְנְסוּ הַשּׁוֹטְרִים לַבַּיִת שֶׁנֶּחְבָּא שָׁם, וְהוּא הִסְתַּתֵּר בְּאֵיזֶה חֶדֶר פְּנִימִי שֶׁהָיָה שָׁם וְחִפְּשׂוּ אַחֲרָיו בְּכָל הַבַּיִת וּבִמְקוֹם מַחְבּוֹאוֹ לֹא נָגְעוּ. בְּעֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָלַךְ מֻסְתָּר עַל צִיּוּן רַבֵּנוּ בְּסֵתֶר וְאָמַר שָׁם בִּמְהִירוּת אֶת הָעֲשָׂרָה מִזְמוֹרִים וְתֵכֶף בְּעוֹדוֹ מְמַהֵר בַּאֲמִירָתוֹ הִגִּיעַ לְשָׁם הַמַּלְשִׁין הַמָּסוּר וְחִיֵּךְ לְעֻמָּתוֹ, וְהִתְחַנֵּן אֵלָיו רַבִּי לֵוִי יִצְחָק זַ"ל שֶׁיַּנִּיחֵהוּ לְנַפְשׁוֹ כִּי הָיָה מַלְשִׁין זֶה מִבָּנָיו שֶׁל אֶחָד מֵאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ שֶׁנֶּהְפַּךְ לְמַלְשִׁין לְאַחַר אִיּוּם שֶׁאִיְּמוּ עַל חַיָּיו אִם לֹא יְשַׁתֵּף עִמָּם פְּעֻלָּה וּבְמֶשֶׁךְ הַזְּמַן הָיוּ נֶאֱמָנִים לַשִּׁלְטוֹן הַקּוֹמוּנִיסְטִי, וְהִבְטִיחַ לוֹ. וְתֵכֶף בָּרַח מִשָּׁם רַבִּי לֵוִי יִצְחָק זַ"ל. בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שָׁהָה מֻחְבָּא בְּמַרְתֵּף אֶחָד, וּבַיּוֹם הָרִאשׁוֹן תָּקַע עֲבוּרוֹ אֶחָד מֵאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ, וּבַיּוֹם הַשֵּׁנִי בָּא רַבִּי נָטַע גּוּרֶלִיק זַ"ל לִתְקֹעַ עֲבוּרוֹ.

(רנ"ב: דעמאלט אין די יארן איז עס נאך נישט געווען ערנסט?) אנטקעגן שפעטער איז ער נישט געווען; עס איז געווען שענער און דער קול איז געווען גרעסער, רעש'יגער - אבער די צובראכנקייט וואס איך האב אים געהערט דעמאלט (לא היה קודם).

(רנ"ב: ער פלעגט נאך נישט דעמאלט אזוי וויינען ביים דאווענען?) עס איז נישט געווען דאס - עס איז געווען מער חזן'יש, דער נאטור איז אזוי.

אזוי איז דער נאטור, דער אויבערשטער זאל העלפן דו זאלסט מאריך ימים זיין; שפעטער מיט פופציג יאר וועט דער קול זיין נישט אזוי ריין ווי היינט.

(רנ"ב: איך וויל דער קול זאל מיר זיין ביי הונדערט יאר אזוי ווי יעצט) עס קען דאך נישט זיין, דער נאטור איז דאך אזוי...

ברוך השם - איך קען איצטער אויך געבן א געשריי - אבער עס איז נישט דער קול וואס עס איז געווען מיט פופציג יאר צוריק...

ר' נחמן'ען האב איך געהערט דאווענען פינעף יאר ראש השנה און פינעף יאר יום כיפור; ער איז דאך נפטר געווארן דעם זומער פון ע"ט. אבער ר' אברהם'ען האב איך געהערט דאווענען ביז צ"ו, האב איך אים געהערט דאווענען אסאך יארן - האב איך געזעהן אז דאס דאווענען איז מער צובראכן, מער ערנסטער, אבער עס איז נישט דאס קול פון דער יוגנט...

(רנ"ב: איך האב אים שוין געהערט גאר גאר [אויף דער עלטער] - די לעצטע צען יאר זיינע, אבער ר' שמואל שפירא האט אים נאך געהערט צ"ז) יא יא, ז' אדר צ"ו איז ער אהער געקומען (הגיע לארה"ק); צ"ז איז געווען דער ערשטער ראש השנה וואס ער האט דא געדאוונט אין ארץ ישראל.

געווענטליך האט ער נאך גאנץ פיין געדאוונט, דאס קול איז געווען - ר' אברהם איז געווען א גיבור - א גיבור געווען, ער האט געקענט געבן קולות, ער האט געקענט אויפהויבן דאס קול.

איך בין געקומען שוין אסאך ווינציגער (בשנים) ווי ר' אברהם'ס יארן וואס ער איז געקומען דא, (פונדעסטוועגן) האב איך שוין נישט געקענט אויפהויבן דעם קול, איך האב שוין געמוזט אראפלאזן זיך. אז איך זאל וועלן נאך מאכן ר' אברהם'ען אזוי ווי ער האט

אויפגעהויבן - בלייב איך שטעקן באלד... איך קען נישט! דאנקען גאט אויף די ביסל כח וואס דער אויבערשטער האט מיר געגעבן!

ביי די ימים נוראים'דיגן דאווענען דארף איך אויסרעכענען די כוחות, נישט וועלן נאכטוהן יענעם, איך קען נישט - איך דארף אויסרעכענען די כוחות מיינע - און דער אויבערשטער וועט געבן כח, אבער איבעררייסן - נישט.

❖

## דו ביסט נאר א שטעקן!

(רנ"ב: איר געדענקט אז עס איז געווען אמאל א זכור ברית אין מירון און ר' אברהם איז געלעגן אין די שטיבעלע אויף דער ערד?) מען האט געמיינט אז ער איז חלילה א גוסס... (כי היה אז זקן וחולה מאד).

(רנ"ב: אבער וואס הייסט א גוסס? צום קאפנס איז אים געלעגן א שטיין און אויף דעם עפעס א שמאטקע - דאס איז געווען דער צוקאפנס זיינער, פונדעסטוועגן - נאכדעם איז ער געגאנגען אין א קאלטע מקוה, איך געדענק - ער איז אריינגעגאנגען אין מקוה, ער איז ארויסגעגאנגען האט ער אזוי געסאפעט, ווער האט געגלויבט אז ער וועט זאגן זכור ברית? און ער איז צוגעגאנגען צו 'זכור ברית' - עס האט געדונערט - אהה!)
יא יא, ר' אברהם איז געווען בטבע א גיבור.

אין דעם פרט האט מען אויך געזעהן נסים אין אומאן; איך האב שוין אמאל דערציילט, ביי מיר אין שטוב איז געווען ברוך השם הכנסת אורחים; פופצן זעכצן מענטשן האבן געגעסן ביי מיר, מען האט אוועקגעגעבן דאס גאנצע עסן, אוועקגעגעבן די קישענעס - אלעס.

איך מיט מיין זון ע"ה זענען געלעגן אויף דער ערד ביידע - אן א קישן - אן גארנישט, און איך האב זיך צוגעקילט ביינאכט, איך בין געווארן הייזעריג. איך האב באדארפט מארגן צוגיין דאווענען, און דער אויבערשטער האט געהאלפן - איך בין צוגעגאנגען - געדאוונט אזוי מיט (- ווי גארנישט); אין אומאן האט מען דאס געזעהן אסאך מאל!

(רנ"ב: דעם רבי'נס כח) אוודאי, אוודאי!

איך בין געווען אזוי איבערגע'רעש'ט ווען איך האב אנגעהויבן דאווענען; איך האב נישט געוואלט דאווענען - איך האב געטענה'ט צום רבי'ן: 'פארוואס האט ר' אלי' חיים (רוזין) זוכה געווען אז ער קען נישט קיין נוסח, פארוואס דארף איך יא קענען נוסח?!' - אזוי האב איך גערעדט צום רבי'ן אויפן ציון, פארוואס דארף איך קענען נוסח?!...

אמאל האב איך גערעדט צום רבי'ן אויפן ציון (ואמרתי אז:) 'רבי - אז איר ווילט נישט אז איך זאל דאווענען מאכט מיר הייזעריג' - גערעדט אזוי צום רבי'ן! געווען עפעס אזוי נאנט צום רבי'ן! - 'מאכט מיר הייזעריג - וועל איך נישט קענען דאווענען' - אזוי האב איך גערעדט ערב ראש השנה!

איך בין געווען א יונגערמאן, איך האב געוואלט אביסל ליגן אין עבודה מער, האב איך געשריגן - איך האב געהאט אזא מין שטארקייט, אן עזות - 'איר ווילט נישט - רבי? מאכט מיר הייזעריג - וועל איך נישט דאווענען!'

(רנ"ב: איך געדענק פאר אפאר יאר קריק איז געווען ביי מיר אזא עול - אז איך האב זיך געהיט א גאנצע וואך פון סליחות נישט צו רעדן; האב איך געזעהן עס איז געפערליך - איך קען נישט זאגן קיין ווארט, האב איך געזאגט, איינמאל פאר אלעמאל, איך היט גארנישט דעם קול; ווי אזוי עס וועט זיין - זאל זיין!)

אז איך פלעג טאנצן ראש השנה איז צוגעקומען פון אונזערע לייט: 'לוי יצחק - טאנץ נישט'... (כי טענו שזה יזיק לקול).

אין אומאן איז דאך געווען אן ערב ראש השנה; א ציון; אוועקגעגעבן קולות - און איך בין געבונדן - איך קען נישט (לעסוק בתפילות וזעקות כראוי), איך בין געבונדן איך דארף דאווענען, עס האט מיך מבלבל געווען.

ר' אברהם בער'ניו האט געזאגט צו ר' אברהם'ען: 'דו ביסט א שטעקן, דער רבי דאוונט!' (היינו:) דו זאלסט זיך נישט איבערנעמען אז דו דאוונסט שיין...

- דו שטייסט ביים עמוד אזוי ווי א שטעקן, דער רבי דאוונט! נעם זיך נישט איבער...

אין אומאן האט מען עס ארויסגעזעהן - אזעלכע תפילות איז געווען ממש - מסירות נפש ממש. מען האט אזוי געדאוונט, אזעלכע קולות געגעבן, אזעלכע קולות געשריגן מעומק הלב - אז מסירות נפש ממש, אן קיין שום צמצום!

עס איז צוגעגאנגען אמאל איינער צו מיר נאכן דאווענען - דעם רבי'נס א רעכטער אור אייניקל - ר' יעקב יוסף[כב]. ער זאגט מיר: 'ווען איך וואלט נישט געוואוסט ווער עס דאוונט, וואלט איך געמיינט אז ר' נחמן טולטשינער דאוונט!'

די קולות מיט די געשרייען - איך האב געמיינט (דאס איז) ר' נחמן טולטשינער!

[כב] בנו של ר' נחמן חיה'לע'ס. נפטר בשנת תרצ"ו.

(רנ"ב: איז ער האט נאך געדענקט ר' נחמן טולטשינער'ס דאווענען?) **אוודאי!**

(רנ"ב: ער איז געווען אן עלטערער מענטש - ווי איז געווען די פאמיליע נאמען זיינע?) **ליובארסקי.**

(רנ"ב: דאס האט ער אייך געזאגט מסתמא אין די פֵּא'ען) **אין תרפ"ג.**

**מיין שווער איז געווען א גרויסער ערליכער איד, און ער איז געווען א גרויסער מנגן און ער האט קיינמאל נישט געוואלט צוגיין צום עמוד. ער האט זיך אלץ דערוויטערט דערפון. אין תר"פ - ווען ער האט מיר געזעהן דאווענען - האט ער געגעבן א דריי** (געקרימט)**: 'איך האב דאס נישט געמיינט'...**

**ער איז געווען אן ערליכער איד - און ער איז נישט געווען צופרידן דערפון וואס איך דאווען!**

(רנ"ב: איין יאר האט ר' אברהם געדאוונט שחרית מיט מוסףביידע טעג?) **איין יאר האט ער געדאוונט ביידע - אי שחרית, אי מוסף - נאר דעם ערשטן טאג.**

(רנ"ב: אין דעם טאג האט ער נאך געזאגט די תורה אויך?) **אוודאי, וואס דען?** (רנ"ב: איז שחרית מיט מוסף - מיט אמירת התורה?) **א תורה אויפן באלעמער - א גרויסע תורה פון די דריי תקעו'ס**[כג] **- אדער 'פתח רבי שמעון'**[כד] **- די גרויסע תורות; און מעריב אויך דעם אנדער [טאג] אויף דער נאכט.**

(רנ"ב: איז געווען 'מעריב' און 'שחרית' און 'מוסף' און א 'תורה' און -) **ווייטער 'מעריב'!** (בליל שני דר"ה).

(רנ"ב: וויפיל האט דאס געדויערט? [אמירת התורה]) **עטליכע שעה - אויף די בימה מיט א הויכן קול - אזוי ווי ער דאוונט.**

**אונזערע לייט האבן אים געזאגט: "ר' אברהם, היט זיך פאר א גוט אויג!".** (ענה:) **"דער רבי איז א טוב עין", און שוין!**

❖

[כג] דהיינו אחד מהג' תורות בליקוטי מוהר"ן תניינא שנאמרה על הפסוק 'תקעו בחודש שופר' שאמרם רביז"ל בראש השנה; ואלו הם: תורה א', תורה ה', ותורה ח'.

[כד] ליקוטי מוהר"ן קמא, סי' ס'.

# איך גלויב אזוי ווי איך זעה!

אוי, מיר דערמאנען זיך - עס איז געווען אמאל א אומאן, עס איז געווען אמאל א ציון, עס איז געווען אמאל אן ערב ראש השנה, א ראש השנה - אוי אוי אוי!

וואס דעמאלט האט זיך אפגעטאן... ממש - אזוי ווי דא איז דאך ל"ג בעומר - זעהט מען דאך וואס טוט זיך אפ ל"ג בעומר דא - די געשרייען פון אידן מיט די קולות, אזוי איז דעמאלט געווען א ראש השנה, אן ערב ראש השנה!

די קולות, די געשרייען, די הארציגע קולות פון אידן וואס זיי האבן געוואלט טאן תשובה איז געווען נאך מערער ווי דא! אזעלכע כיסופים, אזעלכע בענקאכטצער צום אויבערשטן - אז עס איז א געוואלד, א געוואלד, א געוואלד!

ר' הערש לייב (ליפל) איז געקומען קיין ארץ ישראל - ער האט מיר געשריבן דאס גרויסקייט פון ארץ ישראל, נאר וואס דען, ער האט מיר אריינגעשריבן: 'אבער די פיר איילן האב איך נישט!' דאס האב איך נישט...

אז מען האט אמאל צוגעלאזט צום רבי'ן, האט מען ממש געזעהן עפעס א נישט קיין מענטשליכע זאך, עפעס א כח פון אויבן, עפעס א מין אויסוואשן דעם מענטשן - אזוי ווי ער גייט אריין אין א מרחץ און ער וואשט זיך אויס די אברים הפנימיים - אזוי האט מען געזעהן ביים רבי'ן אויפן ציון - 'עס קאכט זיך איבער און עס קאכט זיך איבער', ער שרייט 'געוואלד, געוואלד' און עס קאכט זיך און קאכט זיך און ער גייט ארויס ממש אזוי ווי איינער גייט ארויס א ריינער!

נו, מען האט ממש געזעהן דעם רבי'נס גרויסקייט - ממש אנגעטאפט מיט די הענט דעם רבי'נס גרויסקייט, א בחינת ראיה!

❖

(רנ"ב: ווער האט דאס געזאגט אז די קריינאַציע זעהט מען אין אומאן?) **רבי נתן האט אזוי געזאגט:**

**'די גאנצע וועלט שרייט 'המלך'; אבער די קריינאַציע איז אין אומאן!'**

(רמ"ב: וואס הייסט קריינאַציע? מען קרוינט?) **יא - קרוינען דעם מלך, די הכתרה!**

עס איז געווען ראש השנה'ס - א געוואלד. אמאל איז געווען אזא מין ראש השנה - אזא מין דאווענען איז געווען, אזא מין התגלות אלקות איז געווען - האט ר' נתן זיך אנגערופן נאכן דאווענען: 'איך גלייב אז דער רבי איז דא מיט אונז, און אז דער רבי איז דא - זענען אלע שבעה רועים דא; איך גלייב אזוי - ממש ווי איך זעה!!!'[כה]

אז ער האט געגעבן א געשריי: 'איך זעה!' האבן (אנ"ש דערפילט) 'ער זעהט! ער זעהט!' – – –

(רנ"ב: ווען איז דאס געווען? ראש השנה ביינאכט?) עס איז געווען א ראש השנה (רנ"ב: ווייל געדרוקט שטייט אויף ביינאכט[כו]) עס קען זיין אז עס איז געווען ביינאכט.

דאס קען מען דאך נישט איבערגעבן יענעם - דאס הארץ! דאס הארץ קען מען נישט - עס שטייט[כז]: 'יום נקם בלבי' - 'מלבי לפומי לא גלי'[כח] - דער מענטש קען נישט איבערגעבן - צו זיין מויל אליין קען ער נישט איבערגעבן זיין הארץ!

עס איז געווען - עפעס א הארץ איז געווען, 'דער רבי איז די הארץ פון דער וועלט'! און אידן האבן געהאט הערצער ביים רבי'ן! שוין, וואס קען מען דאס איבערגעבן?!

מען האט געהאט א מין השתוקקות, אזא הארץ, און ווער? געווענטליכע מענטשן, נישט קיין לומדים - געווענטליכע מענטשן בעלי בתים - ארויסגעקומען פונעם רבי'ן עפעס אזוי אויסגעוואשן, אויסגעברענט און אויסגעבראטן, אויסגעפרעגלט!

(רנ"ב: אוי, און ווען איז מען זוכה נאכאמאל, ווען?...[כט])

דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן, מען דארף זייער בעטן, ווערליג ר' אברהם ר' נחמן'ס האט געזאגט - בשעת עס איז געווארן די קליפה דארט פון די קאמוניסטן האט

[כה] עי' ליקו"ת - תפילה כ"ב, בא"ד: "חוּסָה עָלֵינוּ בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים, וּתְעוֹרֵר לֵב נִשְׁמַת כָּל הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים אֲשֶׁר נִשְׁמָתָם בְּגָבְהֵי מְרוֹמִים בְּרוּם הַמַּעֲלוֹת בְּעוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים הַקְּדוֹשִׁים, שֶׁכָּל נִשְׁמוֹת הַצַּדִּיקִים הַקְּדוֹשִׁים הָאֲמִתִּיִּים יֵרְדוּ לְמַטָּה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה וְיִהְיוּ עִמָּנוּ בְּקֶרֶב עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל וְיַעַזְרוּ אוֹתָנוּ לְהִתְפַּלֵּל וּלְהִתְחַנֵּן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה, וּלְהַכְנִיעַ וּלְגָרֵשׁ הַשָּׂטָן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה, וּלְשַׁבֵּר וּלְבַטֵּל כָּל מִינֵי עַזּוּת דְּסִטְרָא אַחֲרָא מֵעָלֵינוּ וּמֵעַל כָּל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל עַל־יְדֵי הַתְּפִלּוֹת וְהַתְּקִיעוֹת שֶׁל רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַקָּדוֹשׁ, עַד שֶׁנִּזְכֶּה לְהַמְשִׁיךְ עָלֵינוּ וְעַל כָּל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל קְדֻשָּׁה וְטָהֳרָה מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה עַל כָּל הַשָּׁנָה כֻּלָּהּ!".

[כו] כוכ"א אנשי מוהר"ן, אות ד' (ג') 'אמר המעתיק'.

[כז] ישעיה סג, ד.

[כח] סנהדרין צט.

[כט] בימים האלו היה ציון רביז"ל עדיין סגור ומסוגר תחת מסך הברזל של שלטון הקאמוניסטן ימ"ש.

**די וועלט געזאגט: 'זיי האבן נישט קיין קיום אויף די נאקעטע בארוועסע'!** (היינו) **זיי וועלן באלד פאלן! מען האט זיי געמאכט צעַנישט** (הכל צחקו מהם) **- תרע"ז איז דאס געווען - האט געזאגט ר' אברהם ר' נחמן'ס: "אזוי? אזוי? איך האב מורא אז די קליפה וועט נאר משיח מכניע זיין!"**

- נו, דארף מען בעטן אויף משיח'ן - וועט ער מכניע זיין די קליפה - וועט מען קענען קומען קיין אומאן צום רבי'ן אויפן ציון און דאוונען אין אונזער קלויז און אלעס אזוי (כימי קדם).

(רנ"ב: אוי, אז משיח וועט קומען וועט דאך ווערן א שטופעניש, עס וועט ווערן א גרויסע ראטשעווע[ל]) **עס וועט זיין גוט, עס וועט זיין גוט!**

(רנ"ב מנגן: אוי אוי ווי דערלעבט מען דאס, אוי ווי דערלעבט מען דאס!) [1:53:10]

❖

## מיט אים אין איינעם צו זיין...

(רנ"ב: ווער האט געזונגען דעם ניגון: 'מיט אים אין איינעם צו זיין, דארף מען דאך אוודאי' -) [1:53:20]

(רלוי"צ ממשיך את הניגון:) **'איז זייער גוט פרייליך צו זיין, מיט אים אין איינעם צו זיין, דארף מען בוודאי פרייליך זיין, מיט אים אין איינעם צו זיין, מוז מען דאך אוודאי פרייליך זיין!'**

- **עס איז נאך א תנועה פון ר' נתן'ען, אין די צייטן פון ר' נתן'ען.**

(רנ"ב: דארף מען?) **דארף מען, מוז מען.**

(רנ"ב: דאס האט נישט קיין שייכות צו דער ליד - כאטשיג דער רבי איז נישטא?) **ניין, עס איז א צווייטע.**

(רנ"ב: וואס הייסט מיט אים, מיט וועמען?) (ר' שמואל שפירא: מיטן אויבערשטן!) **מיטן אויבערשטן, אוודאי!**

(רנ"ב: ווען האט מען דאס געזונגען?) **מען האט עס געזונגען.**

(רנ"ב: אבער איר קענט דעם ניגון ביזן סוף אינגאנצן?) **אזוי האט מען געזונגען.**

---

[ל] עי' שיח שרפי קודש ה' אות קכ"ה; "בַּסֵּפֶר חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן בִּכְתַב יָדוֹ שֶׁל מוֹהַרְנַ"תְּ זַ"ל הָיָה כָּתוּב שֶׁיַּגִּיעַ עוֹד עֵת כָּזוֹ שֶׁיִּסְעוּ וְיָבוֹאוּ מִכָּל הָעוֹלָם בְּעֶרֶב רֹאשׁ-הַשָּׁנָה לְהִשְׁתַּטֵּחַ עַל צִיּוּן רַבֵּנוּ זַ"ל וְיִהְיוּ עַם רַב כָּזֶה עַד שֶׁיִּצְטָרְכוּ לְהַעֲמִיד שׁוֹמְרִים וְשׁוֹטְרִים לְהַשְׁגִּיחַ עַל הַצִּבּוּר שֶׁלֹּא יִתְמַהְמְהוּ יוֹתֵר מִדַּי וִיפַנּוּ מְקוֹמָם לְהַבָּאִים אַחֲרֵיהֶם!".

(רנ"ב: איך קען נאר א האלבן ניגון: 'מיט אים אין איינעם צו זיין דארף מען דאך בוודאי') [1:54:10]

**'פרייליך זיין, מיט אים אין איינעם צו זיין מוז מען בוודאי פרייליך זיין, מיט אים אין איינעם צו זיין דארף מען בוודאי פרייליך זיין, מיט אים אין איינעם צו זיין דארף מען דאך בוודאי פרייליך זיין!' - שוין דאס איז עס!**

(רנ"ב: און אזוי קען מען אפזינגען א גאנצע נאכט?)

**אז ר' חייקל האט געזונגען דעם פרומען ניגון א גאנצע נאכט** (- 'מעין עולם הבא') **- ער האט אריינגעבראכט צום רבי'ן אביסל יויך און אוועקגעלייגט אויפן טיש. דער רבי האט אוועקגעלייגט א פוס אויף דער ערד און א פוס אויפן באנק: 'חייקל זאג מיר דעם פרומען ניגון!'. האט ער אנגעהויבן זינגען - האט דער רבי א מאך געגעבן מיט די האנט: נאכאמאל, נאכאמאל, און נאכאמאל, און גיי ארויס זעה ווי דער נאכט האלט, האט אנגעהויבן טאגן, האט ער צוגענומען די יויך...** [לא]

❖

[לא] בשיש"ק ח"א, אות ק"ח, נדפס הסיפור בשלימותו, וזל"ש: "רבינו היה נוהג בסדר תעניות כנ"ל, והיה הדבר מוסתר מאוד מעיני בני אדם, אף מהקרובים אליו ביותר ואף מזוגתו - לבד ממשרתו, שאותו הזהיר רבינו באזהרה חמורה לבלי לגלות ולפרסם הדבר; ומשרת זה הוא שהיה אוכל את כל המאכלים שהכינו בני הבית עבור רבינו. היו כמה פעמים בעת התעניות הנ"ל שרבי חייקל תלמידו נכנס אליו ז"ל ומצא אותו בחולשה עצומה ובסכנה, עד שנודע לו מדבר סדר התעניות, ומגודל בהלתו היה אומר לרבינו שאם לא יאכל יגלה ויפרסם ברבים את ענין תעניותיו; אך רבינו היה משתמט ממנו וממשיך את סדר תעניותיו כרצונו. ובהיות רביה"ק דר במעדוועדיווקע, היה באחת הפעמים מעשה שנכנס ר' חייקל לרבינו וראהו שוכב בחולשה עצומה כזו, עד שיצא דם מעיניו מחטמו מאזנו ומפיו, כי היה זה בחצי השני של השבוע, אחרי שהתענה כבר כמה ימים רצופים, ומרוב בהלה על ראותו את רבינו בסכנה כזו שדלו והפציר בו מאד בכמה לשונות והפצרות שיאבה לאכול ולטעום איזה דבר אכילה, וכשראה שאין רבינו מסכים לבקשתו כלל וכלל - אמר לו: "רבי, איך וועל אויסזאגן!". נענה רביה"ק: "חייקל, גיי שחט אן עוף און גרייט אן אביסל יויך אויף נאך מעריב"; ותיכף רץ ר' חייקל בשמחה עם תרנגולת אל השוחט, ובשובו מרט את נוצותיה ובישלה. אחרי תפילת ערבית, כשנכנס ר' חייקל לרבינו והגיש לו צלחת מרק, העמיד רבינו רגל אחת על הכסא, ורגלו השניה היתה על הארץ, וענה ואמר: "חייקל, זאג נאך דעם פרומער ניגון", הוא הניגון המפורסם בין אנ"ש אשר מושר בשב"ק על התיבות 'מעין עולם הבא'. בפקודת רבינו החל ר' חייקל לזמר את הניגון, תוך שרביה"ק נכנס לדביקות, וכשסיימו רמז לו רבינו בתנועת ידו שיחזור שוב על הניגון, וכן עשה, וכשסיים רמז לו רבינו שוב לזמר, וכן חוזר חלילה; וכך עמד ר' חייקל וזימר את הניגון במשך כל הלילה בעמדו לפני רבינו, ורבינו לא טעם עדיין מהאוכל כלל. אח"כ אמר רבינו לר' חייקל: "איצטער גיי ארויס, זעה ווי אזוי האלט די נאכט". וראה שכבר עלה עמוד השחר; וממילא כבר הורידו את המרק מעל השולחן, ורבינו המשיך בצומו ובתעניתו עד לשבת הקרבה ובאה".

# דער פרומער ניגון

ווען ר' נחמן טולטשינער האט געדאַוונט דאס ערשטע מאל מוסף האט ער קובע געווען דעם ניגון ('מעין עולם הבא' הנ"ל) אויף 'ארשת'. האט מען געזאגט צו ר' נחמן'ען: 'ר' נחמן - אזוי וועט מען שוין תמיד זאגן!'

מען האט אים גערופן: 'דער פרומער ניגון'!

(רמ"ב: דער ניגון איז פון דעם רבי'ן אליין?) איך וויים נישט; מען האט אים גערופן: 'דער פרומער ניגון'.

ער האט איינגעפאסט אין די ווערטער אזוי גוט - אזוי ווי א בעל מנגן.

דער ניגון איז אונזער'ס א ניגון געווען - און ר' נחמן האט אים איינגעפאסט אין די ווערטער.

❖

ר' לייבל פלעגט זייער אסאך גיסן טרערן ביים דאווענען, ער איז געווען א געוואלדיגער בעל בכי. ר' לייבל איז געווען אן ארטיקל - זיינע בכיות זענען אויך נישט הפקר... אונזערע לייט האבן אנגענומען - מען האט געמאכט דעם מוסף ביידע - זיינע תנועות אויך (נוסח התפילה מיוסד הן מהתנועות של ר' נחמן טולטשינער והן של ר' לייבל קאנסטענטינער)

די צוגאנג וואס מען גייט צו צו אשרי (לפני מוסף) - דאס איז ר' לייבעלע'ס.

❖

(חסר - מדבר על התפילה 'הנני העני ממעש')

ר' נחמן האט דאס געזאגט שטילערהייט - ער פלעגט נאר אויסשרייען דארטן עטליכע מאל, דארטן ביי שם שד"י (רנ"ב: אקי' אשר אקי') - עטליכע מאל אויסגעשריגן; אבער דער גאנצער נוסח דארט איז ר' לייבעלע'ס.

(רנ"ב: ר' לייבעלע'ס - אזוי?) יא יא, דער 'ויאתיו [כל לעבדך'] איז אויך פון ר' לייבעלע'ן.

(רנ"ב: דער מכלכל חיים?) פון מוסף - איז פון ר' לייבעלע'ן.

(רנ"ב: ר' נחמן האט געזונגען די פון שחרית?) **יא יא, דעם אייגענעם ניגון פון** (שחרית).

**ר' לייבעלע פלעגט זאגן דעם מין ניגון 'אלוקינו'** (וכו') **נאר ביי מוסף - ביי שופרות! - מער נישט.**

❖

# אמן של 'המלך הקדוש'

(חסר, כנראה שמדבר על אחד שבא לקיבוץ בר"ה וטען שלא נכון למחוא כפיים במקום שצריכים לענות אמן)

**ער איז אוועקגעגאנגען און ער האט געזאגט: ביי אייך אז מען דארף ענטפערן 'אמן' - פאטשט מען, מען הערט נישט דעם 'אלף מם נון' - און עס איז ריכטיג! - אזוי ממש - מען הערט נישט דעם 'אל"ף מ"ם נו"ן' - ביי 'המלך הקדוש ווערט א געפאטשעריי' - מען הערט נישט דעם 'אמן!'**

**עטליכע מאל שריי איך אוים** (אז מען זאל נישט דעמאלט פאטשן) **לאכט מען זיך אוים.**

(רמ"ב: עס איז געווארן בעסער!) **אביסל, איך וואלט געדארפט אלע יארן רעדן דערפון; אביסעלע איז געווארן בעסער.**

(רנ"ב: דער עיקר וואס מען פאטשט איז ביי 'המלך', און ביי 'ויתנו לך כתר מלוכה') **מער נישט!**

(ר' שמואל שפירא: ביי די וועלט איז אויך געוועזן דער מנהג פון פאטשן?) **ביי די וועלט? ביי סיום ברכה?** (ר' שמואל: ביי המלך) **ניין ניין, די וועלט פאטשט נישט!** (ר' שמואל: איך מיין אין אוקריינע) **ניין!**

(ר' שמואל: פון וואנעט שטאמט דער מנהג?) **איך ווייס נישט**[לב]**. דער פאטשן איז נאר געוועזן - מען האט געפאטשט - אבער נישט אזוי פיל וויפיל היינט - מען האט אביסעלע געגעבן א פאטש. היינט איז געווארן א פאטשעריי, די קינדער מאכן דאס.**

---

[לב] עי' גליון קרני אור גליון - פנחס תשפ"א - במדור שמועות ועובדות מפי הגה"ח רבי יעקב מאיר שכטער שליט"א: "פעם שאלני תלמיד חכם חשוב, מנין לנו חסידי ברסלב שאנו מוחאים כפים באמירת 'המלך' בימים הנוראים, כי אמנם מדרך כמה מאומות העולם למחות כפיהם בשעה שמכתירים עליהם מלך חדש, אבל לא יתכן שאנו נעשה כמנהגם, והכתוב אומר 'ובחוקותיהם לא תלכו'? השבתי לו שבאמת אין זה מנהג הגויים כלל ועיקר, ויש לי ראיה מפורשת שכן היה המנהג בעת שהמליכו עליהם בני ישראל מלך, כי במקרא המספר על המלכת המלך יהואש נאמר: 'וימלכו אתו וימשחהו ויכו כף ויאמרו יחי המלך' (מלכים ב' יא יב). הרי לנו שמנהג ישראל להכות כף על כף בעת הכתרת המלך!

(אמאל) אז די עלטערע מענטשן האט געגעבן א פאטש איז געווען מיט אן עבודה! קינדער פאטשן דאך אן א עק - מען פאטשט, מען פאטשט, אלע יאר בעט איך זיך ביי זיי: 'ביי 'אמן' - הויבט מען אן פאטשן?!'.

# יום כיפור טאנצט מען נישט!

און יום כיפור האט מען נישט געטאנצט אויף דער נאכט - די נאכט פון כל נדרי האט מען נישט געטאנצט. ר' אייזיק [אייזנשטיין מאומן] פלעגט שלאפן מיט אונז צוזאמען יום כיפור אין שול; די חברה פלעגן זאגן תהלים ביי חצות, זיי פלעגן אויפשטיין חצות און אויסזאגן תהלים.

(רמ"ב: נישט נאך מעריב?) נאך מעריב איז געווען א מנין פון בעלי בתים; די עובדים זענען אויפגעשטאנען חצות און געזאגט תהלים, און נאך תהלים איז מען געגאנגען א ריקוד. האט ר' אייזיק געזאגט: 'יום כיפור טאנצט מען נישט!'. אפילו נאך חצות האט ער נישט געלאזט טאנצן.

(רמ"ב: ווער האט געוואלט טאנצן?) עטליכע מענטשן זענען דארטן געווען, חצות איז שוין נישטא אזוי פיל מענטשן.

(רנ"ב: נאך מעריב מאכט מען נישט עפעס א ריקוד אז עס קומט אויס שבת?) דא נישט, דא טאנצט מען נישט! אז מען ענדיגט די אבינו מלכינו'ס פון נעילה - אויב עס איז נאך אביסל פריה - גייט דער עולם אין א ריקוד - 'זכרנו לחיים' - אז מען זאל נישט דארפן רעדן דברים (בטלים).

(רנ"ב: עס איז געווען עקסטערע ניגונים אויף ראש השנה אין אומאן?) מען האט געזונגען: 'ובכן צדיקים'; און 'אשרי איש שלא ישכחך'!

(רמ"ב: 'אתה נגלית' האט מען נישט געזונגען ראש השנה?) ניין!

# ניגון 'זכרנו לחיים'

(ר' שמואל שפירא: 'זכרנו לחיים' - ווען נישט ר' אברהם יעקב [גאלדרייך] וואלט מען עס אינגאנצן נישט געזונגען; ער האט עס געבראכט, צוביסלאכווייז האט זיך עס דער עולם אויסגעלערנט!)

(רנ"ב פונה לרלוי"צ: ר' שמואל דערציילט דא אז ר' אברהם יעקב האט אנגעברענגט דעם ניגון פון פולין - דעם 'זכרנו לחיים', און ווען נישט ער, וואלט מען גארנישט געוואוסט פון אזא ניגון!)

(ר' שמואל: דער מחבר פון דעם ניגון פון 'וידע כל פעול' איז ר' מאיר שפירא![לג] היינט זינגט עס די גאנצע וועלט!) (רמ"ב: אין אומאן האט מען עס נישט געזונגען?) **ניין; נאר 'ובכן צדיקים' און 'אשרי איש שלא ישכחך'!**

(רנ"ב מנגן את השיר 'ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם') (02:00:00) (- דעם ניגון האט איר יא געהערט אין אומאן?) **ניין!**

❖

## ניגון 'אשרינו מה טוב חלקנו'

(רנ"ב: 'אשרינו מה טוב חלקנו' איז ר' נתן'ס א ניגון?) **עס איז א ניגון פון** (בזמנו של ר' נתן) - **אבער נישט פון ראש השנה.**

(רנ"ב: דעם ניגון האט איר געהערט - 'הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד'?) **יא!**

(רנ"ב: וועמענ'ס ניגון איז דאס?) **א ניגון, מען האט עס געזונגען.**

(רנ"ב: אונזערע לייט פלעגן דאס זינגען?) **יא יא.**

[02:01:50] (רלוי"צ מנגן את הניגון)

**דאס פלעגט מען זינגען ביים רבי'נס סעודה דארט, אזוי - ביי הקפות.**

(מנגנים ניגון 'אשרינו' מה טוב חלקינו')

❖

**אט דער ניגון וואס איך זינג אויף טל און אויף גשם** - (רנ"ב: דאס איז פון ר' סנדר טירהאוויצער?) **יא פון ר' סנדר.**

(רנ"ב פונה לרלוי"צ: זינגט עס אן די ווערטער, איך האב שוין ברוך השם אונז אין שול שוין איינגעוואוינט צו זינגען)

(רלוי"צ מנגן הניגון של טל עם רנ"ב) [02:02:50]

---

[לג] הגאון הצדיק רבי מאיר שפירא זצ"ל ראש ישיבת יח"ל בלובלין.

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **חיים ווייס** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל הכנסת בנו כמר **נחמן** הי"ו לעול התורה והמצוות
למזל טוב

מעומק לבבנו אנו מברכים ברכת מזל טוב לידידינו
מוה"ר **יוסף מענדל האס** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב
חברי המערכת

מוה"ר **אלכסנדר גאלדרינג** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל אירוסי בנו כמר **חיים** הי"ו בשעטומ"צ
למזל טוב

מעומק לבבנו הנני מברך ברכת מזל טוב לידידי
מוה"ר **יהודה לייב סיערס** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל אירוסיו בשעטומ"צ למזל טוב
ידידו: יוסף מענדל האס

מוה"ר **נתנאל פיש** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

מוה"ר **דוד שווארץ** הי"ו
בארא פארק יצ"ו
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

מוה"ר **פנחס צבי רובינסאהן** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל הולדת הבת
למזל טוב

לעילוי נשמת מו"ה **יעקב** ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה
י"ג אייר תשפ"א
תנצב"ה

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה ב"ר **יצחק** הי"ו- י"ב שבט תשע"ט. תנצב"ה